STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09214

KAVKAZ

Alexander Pomerantz

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קאווקאז

פון
א. פאמעראנץ

אַ בריוו צו די לייענער

„קאַווקאַז" איז ווי „אַ מיידל פון מינסק" מיין צושטייער צום גרויסן יום־טוב פון 25 יאָר סאָוועטן־פאַרבאַנד. דער אָפּרוף אויפן פריערדיגן בוך איז געווען זייער דערמוטיגנדיג. אַ דאַנק די קריטיקער און רעצענזענטן, ווי פּ. נאָוויק, י. א. ראָנטש, ר. יוקלסאָן, די רעדאַקציע־קאָלעגן פון דער „מאָרגן פרייהייט", די שרייבער און לייענער, ווי כאַווער־פּאַווער, מאַרגאָ־לעס־דאַווידזאָן, ש. אַלמאַזאָוו, סעם ליפּצין, ש. סעקולער, י. לייזעראָוויטש, ש. לעוו־לאַנדוי, פיליפּ פּאַלטער, ראָזע לעוו, מ. האָלטמאַן, דאָרע ריטש, י. דע־ניעלס, מאָריס בין, מאָריס מערלין, מ. ל. אָלקין, מ. בלום, א. מאימודעס, א. לעכאוויצקי, דאָרע טייטעלבוים, ראשעל הירשקאָן, און אַנדערע, וואָס האָבן שריפטלעך און מינדלעך וואַרעם אויפגענומען דאָס בוך. אַ דאַנק אויך דעם קינסטלער זוני מאָוד פאַר דער צייכענונג אויפן פאָדער־בלאַט.

איך בין זיכער צופרידן מיט פּ. נאָוויקס אָפּשאַצונג, אַז „אַ מיידל פון מינסק" איז „אַ גוטער צושטייער צו דער דערקענטעניש פון סאָוועטן־פאַר־באַנד" — „קענען דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אין די אינטערעסן פון אַמעריקע, פון אידישן פאָלק„ — און אַז ס׳איז „אַ צייטיג און נוצלעך בוך, וואָס פאַרדינט אַ ברייטע פאַרשפּרייטונג". אָדער ווי עס האָט מיר געשריבן ש. סעקולער „ס׳איז אַ וויכטיגער בייטראַג צו אַ בעסערער פאַרשטענדי־גונג צווישן די אַמעריקאַנער אידן און די אידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד". דאָס איז יעדנפאַלס געווען מיין כונה.

אין דעם נייעם בוך האָב איך זיך באַמיט צו מאַכן „קאַווקאַז" — די סאָוועטישע קאַווקאַז — היימיש און ליב דעם אידישן לייענער, באַ־זונדערס איצט, ווען דאָרטן קומען פאָר בלוטיגע שלאַכטן מיט די פאַשיס־טישע מאָנסטערס. אויף וויפל דאָס איז מיר געראָטן, וועט איר, לייענער, דאַרפן משפּטן. אַלע זאַכן, וואָס גייען אַריין אין בוך, ווערן פון מיר געדרוקט צום ערשטן מאָל. די קומענדיגע זאַמלונגען וועגן סאָוועטן־פאַרבאַנד, פאַר וועלכע דער מאַטעריאַל איז גרייט צום דרוק און עס פעלן בלויז די געלט־מיטלען זיי צו פאַרעפנטלעכן, זיינען: „צעריסענע קייטן" (דערציילונגען און דערינערונגען); „אינזשענערן פון נשמות" (אָפּהאַנדלונגען וועגן דער אידישער סאָוועטישער ליטעראַטור); „אַ רייזע אין דער צוקונפט".

איך דאַנק אַלע אָרגאַניזאַציעס און איינצלנע מענטשן, וואָס האָבן געהאָלפן אין דער פאַרשפּרייטונג, און די פריינט, וואָס האָבן מיר אַריינגע־שיקט אין פאָראויס פאַר די ווייטערדיגע דרוק־אויסגאַבעס, גרעסערע און קלענערעביישטייערונגען. זיי און אַ סך נייע פריינט, האָף איך, וועלן צולייגן אַ האַנט צו דער פאַרשפּרייטונג פון „קאַווקאַז" און מיר אויך העלפן אַרויסגעבן די שפּעטערדיגע ביכער. דער איינצל־פאַרקויף פּרייז בלייבט 35 סענט. אַדרעסירט

A. POMERANTZ, 314 Garfield Place, Brooklyn, N. Y.

אָדער קער־אָף „מאָרגן פרייהייט".

א. פּאָמעראַנץ

קאַווקאַז

גרוזיע! קאַווקאַז!
הייסע בערג און קאַלטע טאָלן, גרוזיע!
פאַקליעס, ביימער און אַאולן
האָט צעזייט דאָ אין די טאָלן
אַ געניטע פעסטע האַנט.

- - -

זון און פעלז און בערג און טאָל,
און שטענדיג הילכט און שטענדיג רופט,
און, ווי מילן, ווינטן מאָלן די צעגליטע קלאָרע לופט.

- - -

איבער אַלע גרוזיעס טייכן
שטיפט זיין קלינגנדיגע שטים,
דרייט זיך טערעק, בלישטשעט,
גלייך ווי שפיגלען ברעכן זיך אין אים...

- - -

שטראָמען יאָגן, ווי טאַבונעו,

איבער דורכזיכטיגער ברייט,
פ'האָט אַ הויך מיט טויזנט זונען
איבער גרוזיע זיך צעשפרייט...

— — — — — — — — — — — — — — —

פון די גרוזיעס, פון קאַווקאַז,
פון עלברוסן, און קאַזבעקן
רופן טייכן, רופן שאַכטעס,
רופן קוימענס, רופן באַנען,
רופן שטעט אייך און פאַבריקן,
רופן צען ביראָ־בידזשאַנען!

— — — — — — — — — — — — — — —

באַלעגאַלעס? באַלעגאַלעס!—מיט די צוגן פאָרט מען,
קומט דער שיינער זומער, פאָרט מען אַף קוראָרטן.
וואַרט די זון קאַווקאַזער, וואַרטן בערג קודלאַטע
אַף די געסט פון מאָסקווע, טולע און סאַראַטאָוו...
ניט די האַרטע קעלנער, ניט די זין פון גבירים
פאָרן אַף קאַווקאַז היינט, פאָרן זיך קורירן...
— אָפּרו! אָפּרו! אָפּרו!
האָבן בערג געקלונגען:
— פירט אַהער די הערצער!
— פירט אַהער די לונגען!
— אָפּרו! אָפּרו! אָפּרו!
— צוגן און טאַטשאַנקעס!
— פירט אַהערצו מידע!
— פירט אַהערצו קראַנקע!
— גרייט זיך, בערג און כוואַליעס!
— לייט פון מי מיר שיקן! —
ענטפערן די פעלדער,
ענטפערן פאַבריקן...

— — — — — — — — — — — — — — —

נייע לידער אין די וויגן,
נייער זילבער אין די בערד,
אין די שטאַלן רוען פערד,
דער, וואָס איז אין טאָל געלעגן —
בויט די צוקונפט אַף די בערג!

(איציק פעפער).

פּראָלאָג

קאַווקאַז איז אַ לאַנד פון בערג ביים שוואַרצן ים. פול מיט ראַשיגע, האַסטיגע טייכן, געיזערס, וואַסערפאַלן און טויזנטער הייל־קוואַלן. פול מיט ווערטפולע מעטאַלן און מינעראַלן, ווי אייזן־ערץ, צינק, מאַרגאַנע, בליי, אויל („פליסנדיק גאָלד"), גאָלד, זילבער, קוועקזילבער, מאָליבדענום, פּלאַטינום, „ווייסע קוילן" (עלעקטרישע וואַסער־קראַפט). פול מיט סובטראָפּישע פּלאַנצן, ווי פּאַלמעס, עווקאַליפּטן, ציפּרעסן, מאַגנאָליעס, קאַמעליעס, באַמבוק־וועלדער, טיי־פּלאַנטאַציעס, מאַראַנצן, לימענעס און באַוול (קאַטן) און זעקס טויזנט אַנדערע סאָרטן בלומען־געוויקסן. אַ לאַנד פון באַרג־חיות און באַרג־מענטשן, פון פיצוכט, ערד־אַרבעט, שאַכטעס און קוראָרטן. פול מיט עקזאָטיק און ראָמאַנטיק. אַ וואונדערלאַנד. אַ צויבערלאַנד. סטאַלינ׳ס געבורטלאַנד.

קאַווקאַז האָט נאָך אין די אור־אַלטע צייטן גערעגט די פאַנטאַזיע פון די מענטשן. מ׳האָט זי אַרומגעוועבט מיט די שענסטע לעגענדעס. איז נאָך דערמאָנט געוואָרן אין דער ביבל. די האַנדלונג פון איינער פון די שענסטע מעשות — די געשיכטע מיט׳ן מבול און נח׳ס תיבה — קומט פאָר אויפ׳ן קאַווקאַזער באַרג אַראַראַט.

אָט ווי־אַזוי דאָס ווערט דערציילט אין אָריגינאַל, לויט יהואש׳עס איבערזעצונג:

„דאָס איז די געשיכטע פון נח׳ן. נח איז געווען אַ גערעכטער, ערלעכער מאַן אין זיין דור; מיט גאָט איז געגאַנגען נח. און נח האָט געבאָרן דריי זין: שם, חם און יפת. און די ערד איז פאַרדאָרבן געוואָרן פאַר גאָט, און די ערד איז פול געוואָרן מיט אומרעכט. און גאָט האָט געזען די ערד, ערשט זי איז פאַרדאָרבן, ווייל יעטוועדער לייב האָט פאַרדאָרבן זיין וועג אויף דער ערד. און גאָט האָט געזאָגט צו נח׳ן: דער סוף פון אַלע לייבער איז געקומען פאַר מיר, וואָרום די ערד איז פול מיט אומרעכט דורך זיי; און זע, איך ברענג זיי אום מיט דער ערד. מאַך דיר אַ תבה פון פימסנהאָלץ; אין קאַמערן זאָלסטו מאַכן די תבה, און זאָלסט זי אויספּעכן פון אינעווייניג און פון אויסנווייניג מיט פּעך. און אָט ווי דו זאָלסט



יאָסיף סטאַלין (דזשוגאשווילי)

זי מאַכן: דריי הונדערט איילן די לענג פון דער תבה, פופציג איילן איר ברייט, און דרייסיג איילן איר הייך. א גיבלדאך זאָלסטו מאַכן צו דער תבה, און אויף אַן אייל (די ברייט) זאָלסטו זי פאַרענדיגן פון אויבן; און דעם איינגאַנג פון דער תבה זאָלסטו מאַכן אין איר זייט; מיט אַן אונ־טערשטן, צווייטן און דריטן שטאָק זאָלסטו זי מאַכן. און איך, זע, איך ברענג א מבול וואַסער אויף דער ערד, אומצוברענגען יעטוועדער לייב וואָס אין אים איז דאָ אַן אָטעם פון לעבן, פון אונטער'ן הימל; אַלץ וואָס אויף דער ערד וועט אומקומען. אָבער איך וועל אויפשטעלן מיין בונד מיט דיר, און וועסט אַריינגיין אין דער תבה, דו און דיינע זין, און דיין ווייב, און דיינע זינ'ס ווייבער, מיט דיר. און פון אַלץ וואָס לעבט, פון אַלע לייבער, זאָלסטו אַריינברענגען צו צוויי פון איטלעכן אין דער תבה, אויף צו דער־האַלטן ביים לעבן מיט דיר; א זכר און א נקבה זאָלן זיי זיין. פון די פויגלען לויט זייערע מינים, און פון די בהמות לויט זייערע מינים, פון אַלע שרצים פון דער ערד לויט זייערע מינים, צו צוויי פון איטלעכן זאָלן אַריינגיין צו דיר, אויף צו דערהאַלטן ביים לעבן. און דו נעם דיר פון יעטוועדער עסנוואַרג וואָס ווערט געגעסן, און זאַמל איין צו דיר, כדי עס זאָל זיין פאַר דיר און פאַר זיי צום עסן.

און נח האָט אַזוי געטאָן; אַזוי ווי אַלץ וואָס גאָט האָט אים באַפוילן, אַזוי האָט ער געטאָן.

„...און דער מבול איז געווען פערציג טעג אויף דער ערד, און די וואַסערן האָבן זיך געמערט, און זיי האָבן געטראָגן די תבה, און זי האָט זיך אויפגעהויבן איבער דער ערד. און די וואַסערן האָבן זיך געשטאַרקט, און . . . אַלץ וואָס אין זיינע נאָזלעכער איז געווען א הויך פון א לעבעדיגן אָטעם, אַלץ וואָס אויף דער יבשה, איז געשטאָרבן. . . . און גאָט האָט געדאַכט אַן נח'ן, און אַן אַלע חיות, און אַן אַלע בהמות, וואָס מיט אים אין דער תבה, און גאָט האָט געמאַכט אַריבערגיין א ווינט אויף דער ערד, און די וואַסערן האָבן זיך איינגעשטילט. און עס זיינען פאַרשטאָפּט געוואָרן די קוואַלן פון תהום, און די פענצטער פון הימל; און דער רעגן פון הימל איז פאַרהאַלטן געוואָרן. און די וואַסערן האָבן געהאַלטן אין איין אָפּטרעטן פון דער ערד; און די וואַסערן זיינען געמינערט געוואָרן צום סוף פון הונדערט און פופציג טעג. און די תבה האָט גערוט אין זיבעטן חודש, אין זיבעטן טאָג פון חודש, אויף די בערג פון אַראַראַט.

„...און נח האָט אַראָפּגענומען דעם דעק פון דער תבה, און האָט א קוק געטאָן, ערשט דאָס געזיכט פון דער ערד איז טרוקן. . . . און גאָט האָט גערעדט צו נח'ן, אַזוי צו זאָגן: גיי אַרויס פון דער תבה, דו, און דיין ווייב, און דיינע זין, און די ווייבער פון דיינע זין, מיט דיר. יעטוועדער לעבעדיגע זאַך וואָס מיט דיר, פון אַלע לייבער, סיי א פויגל, סיי א בהמה, סיי יעטוועדער שרץ וואָס קריכט אויף דער ערד, ברענג אַרויס מיט זיך,

און זיי זאָלן זיך ווידמענען אויף דער ערד, און זיך פרוכפּערן און מערן אויף דער ערד. ... און פון זיי האָט זיך צעשפּרייט די גאַנצע ערד. און נח דער אַקערמאַן האָט גענומען און האָט געפּלאַנצט אַ ווייַנגאָרטן...״ א. אז. וו. א. אז. וו.

אָט־די לעגענדע פון דער ביבל קלינגט איצט סימבאָליש. אַ דאַנק די קאַווקאַזער אַראַראַט־בערג איז געראַטעוועט געוואָרן די גאַנצע וועלט פון דעם מבול. און ווער וויים, אפשר וועט קאַווקאַז איצט נאָכאַמאָל ראַטעווען די וועלט פון דעם שרעקליכסטן מבול, דעם פאַשיסטישן.

(אגב, ווי אַ זכר, גערעכעניש אָדער איבערבלייבעניש פון דעם מבול, געפינט זיך צופוסנס פון דעם באַרג אַראַראַט די ריזיגע סעוואַנער אָזערע. דער פאַרנעם פון דעם וואַסער אין דער אָזערע איז ממש קאָלאָסאַל — איבער 58 ביליאָן קובאַמעטער. אין דער אָזערע פאַלן אַריין 30 טייכן און טייכלעך, און אַרויסרינען רינט פון איר אַרויס בלויז איין טייך זאַנגאַ, וואָס גיט 30 מיליאָן קובאַמעטער וואַסער אין אַ יאָר. די סעוואַנער אָזערע ווערט כמעט קיינמאָל ניט פאַרפרוירן. אויף דער באַזע פון דער אָזערע האָט די סאָוועט־רעגירונג טאַקע אָנגעהויבן אַ גאַנצן „מבול״ עלעקטרישע סטאַנציעס. די מעכטיגקייט פון די סטאַנציעס האָט געזאָלט באַטרעפן 800 טויזנט פערד־קראַפט. דאָס מיינט מער ווי דניעפּראָ־געס האָט געגעבן.)

די גריכן פון אַלטערטום האָבן וועגן קאַווקאַז געשאַפן די פּראָמעטעי־לעגענדע, איינע פון די רעוואָלוציאָנערסטע פאָלקס־שאַפונגען פון דער מענטשהייט. פּראָמעטעי איז געווען איינער פון די קלענערע געטער. ער האָט אָבער, אין אונטערשייד פון די גרויסע געטער, ליב געהאַט דעם מענטשן און אים געוואָלט ראַטעווען פון זיין הילפלאָזיגקייט. האָט ער אים צו העלפן גע׳גנב׳עט שטיקער פייער ביי די געטער און זיי אוועקגעשאַנקען די מענטשלעכע באַשעפענישן אויף דער ערד. מיט דער הילף פון דעם פייער האָט דער מענטש שוין געקאָנט מאַכן געצייג, פאַרגרינגערן זיין עקזיסטענץ־קאַמף און אָנהויבן די אַנטוויקלונג פון דער ציוויליזאַציע.

דער שלעכטער זעווס אָדער צעאוס, דער הויפּט־גאָט פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע, האָט אָבער שרעקלעך באַשטראָפט פּראָמעטעי׳ען. ער האָט אים צוגעשמידט מיט קייטן צו אַ פעלז פון אַ שפּיץ־באַרג און געשיקט אָדלערס אים אויספּיקן די לונגען. אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. יעדן טאָג וואַקסן אים אָן די לונגען צוריק און יעדן טאָג ווערן זיי ווידער אויסגעפּיקט פון די אָדלערס. און שטעלט אייך פאָר, אַז לויט דער גריכישער לעגענדע, איז פּראָמעטעי צוגעשמידט געוואָרן צו אַ באַרג אויף קאַווקאַז.

און דאָס איז נאָך אויך ניט די גאַנצע געשיכטע. צעאוס וויל דורך דער גרויזאַמער שטראָף צווינגען פּראָמעטעי׳ען חרטה האָבן אויף זיין האַנדלונג פון העלפן דעם מענטשן און ווערן געהאָרכזאַם צו זיין הער־



רויט־אַרמייער מיט אויטאָמאַטישע ביקסן אויף אַ פּאָזיציע אין קאַווקאַז

שאפט. אָבער פראָמעטעי איז גרייט אויסצושטיין די גרויל־האפטסטע יסורים און זיך ניט בויגן פאר צעאוס׳ן.

קלינגט דאָס איצט ווידער אזוי אַקטועל־סימבאָליש, בעת עס טראָגן זיך אויף דער אין יסורים־געלייטערטער קאווקאזער ערד די היטלעריסטישע רוחות און האָרדעס, די גרעסטע שונאים פון דער מענטשהייט און ציוויליזאציע. און וואָס די באַלדיגע רעזולטאַטן פון דעם קאמף זאָלן דאָרטן ניט זיין, — דער רעוואָלוציאָנערער פראָמעטעי־גייסט, וואָס איז פאַרקערפערט אין דעם רויטן סאָוועטישן קאווקאז, ווי אין דער רויטער אַרמיי און אין אַלע קעמפער געגן די פאשיסטישע מאָנסטערס, וועט, בין איך זיכער, ענדלעך צעברעכן זייער ממשלה פון פינצטערניש און דער פייער פון פאָר־שריט און ציוויליזאציע וועט לייכטן אייביג, אויף אַלע דורות און צייטן!

מיט קאווקאז זיינען אויך פארבונדן די גריכישע מיטאָלאָגישע העלדן די „אַרגאָנאַווטן", וואָס זיינען מעגלעך געווען די ערשטע אָוועקצולאָזן זיך פאַרכאַפּן קאווקאז. זיי האָבן געגלויבט, אַז אין דעם לעגענדאַרן לאַנד — „קאָלכידע", ווי זיי האָבן גערופן קאווקאז, געפינען זיך גרויסע רייכטימער, אַ סך גאָלד און בריליאַנטן און אַנדערע אוצרות.

וועגן קאווקאז האָבן ווייטער געשפּונען לעגענדעס די גרעסטע קינסטלער פון אַלע צייטן, און פון פושקינ׳ען, לערמאַנטאָוו׳ן ביז איציק פעפער׳ן, ביז די סאַמע אינגסטע אידישע סאָוועטישע דיכטער און קינסטלער און אויך ניט־סאָוועטישע, ווי א. נ. שטענצעל. וועגן קאווקאז זיינען פאַראַן וואונדערלעכע ליטעראַרישע, פּלאַסטישע און מוזיקאַלישע ווערק.

און ניט געקוקט אויף דעם אַלעם האָט קאווקאז ביז דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ צאַרישע קאָלאָניע און איז אויפ׳ן שווערסטן אופן עקאָנאָמיש און נאַציאָנאַל אונטערדריקט געוואָרן. אמת, עס האָט גענומען אַ סך יאָרן דער צאַרישער רעגירונג איינצונעמען און באַהערשן די העלדישע פרייהייט־ליבנדיגע און פאַר פרייהייט־קעמפנדיגע פעלקער פון קאווקאז.

נאָך פּיאָטר דער גרויסער האָט אין אָנהויב פון 18טן יאָרהונדערט געמאַכט אַ פּאַרזוך צו פאַרכאַפּן קאווקאז. דאָס איז אים אָבער ניט געלונגען. און ערשט מיט 100 יאָר שפּעטער איז אַלעקסאַנדער דעם ערשטן געלונגען צו דעראָבערן גרוזיע, אָבער די מלחמות זיינען פאָרגעזעצט געוואָרן. עס זיינען אַוועק זעכציג יאָר אין מלחמות ביז די רוסן איז געלונגען צו באַזיגן די פעלקער פון קאווקאז און ערשט אין דעם יאָר 1864, אין פינף יאָר אַרום ווי עס איז אומגעקומען אין אַ שלאַכט מיט ניקאָלאַי דעם ערשטנס אַרמייען דער קאווקאַזער בר־כוכבא שאַמיל.

און ערשט דער פּראָלעטאַרישער מאַכט איז געלונגען אַרויסצופירן די קאווקאַזער פעלקער אויפ׳ן ברייטן שליאַך פון אינדוסטריאַליזאַציע און

קולטורעלער אַנטוויקלונג.

דאָס דאָזיגע כשוף־לאַנד, ווי איליא ערענבורג רופט אָן קאַווקאַז, פאַר־נעמט אַ שטרעקע פון אַרום 185,000 קוואַדראַט קילאָמעטער, וואָס ציט זיך פון די קובאַנער סטעפּעס ביז איראַן און טערקיי אַרום 900 אַמעריקאַנער מייל אין דער לענג און פון דעם שוואַרצן ים ביז'ן קאַספּישן ים אַרום 200 אַמעריקאַנער מייל אין דער ברייט. באַקו, דער צענטער פון די קאַווקאַזער אויל־קוואַלן, וואָס זיינען צווישן די רייכסטע אין דער וועלט, געפינט זיך אין דער אַזערביידזשאַנער רעפּובליק ביים קאַספּישן ים. די אַזערביידזשאַנער רעפּובליק איז אויך די צווייטע גרעסטע באַזע פון קאַטן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

באַקו (די הויפּט־שטאָט פון אַזערביידזשאַן), טיפליס (הויפּט־שטאָט פון דער אַלפאַרבאַנדישער גרוזינישער רעפּובליק), עריוואַן (הויפּט־שטאָט פון אַרמעניע) האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין מוסטערהאַפטע סאָציאַליסטישע שטעט. די באַפעלקערונג פון באַקו האָט זיך פאַרפירפאַכט זינט דער רע־וואָלוציע און ציילט איצט אַרום אַ מיליאָן מענטשן. די אַרבעטער און פויערים פון דער סאָוועטישער קאַווקאַז האָבן מיט שנעלע טריט געשפּאַנט אויפ'ן וועג פון אַ פאַרמעגלעך און קולטורעלן לעבן.

אַנשטאָט דאַטשעס און געמבלינג־פּלעצער פאַר די רייכע צאַרישע טשינאָווניקעס און עקספּלואַטאַטאָרס, איז קאַווקאַז געוואָרן אונטער דער סאָוועטן־מאַכט אַן אַלפאַרבאַנדישער וואַקאַציע־צענטער פון הונדערטער אָפּרו־הייזער, סאַנאַטאָריעס און הייל־אַנשטאַלטן פאַר די אַרבעטער און פויערים און זייערע פרויען און קינדער.

עמבלעם פון דער אַזערביידזשאַנער רעפּובליק

קאַווקאַזער אידן

קאַווקאַז באַשטייט פון דריי באַזונדערע אַלפאַרבאַנדישע סאָציאַליס־טישע רעפובליקן: גרוזינישע, אַרמענישע, אַזערביידזשאַנישע, פון די אויטאָנאָמע רעפובליקן: אַבכאַזיע, אַדזשאַריסטאַן, נאַכיטשעוואַן, און פון טעריטאָריעס: קאַראַבאַך און צפון־אָסעטיע.

אויף קאַווקאַז וואוינען אַרום זיבן־אַכט מיליאָן מענטשן, אַ העלפט פון זיי זיינען גרוזינער, דאָס צווייטע פון די וויכטיגסטע פעלקער זיינען

קאַווקאַזער באַרג־איד

די אַרמענער, וואָס ציילן עטלעכע מיליאָן, און דאָרט לעבן נאָך אַנדערע פעלקער, ווי טערקן, טורקמענער, אָסעטינער, טשערקעסן, קאַראַטשאַיער, טשעטשענער, קאַבאַרדינער, לעזגינער, דאַגעסטאַנער, קאַלמיקן, אַבכאַזער, קורדן, אַדזשאַרצעס, גריכן, אַראַבער, פערסן, רוסן און אידן.

אין גאנץ קאווקאז, שאצט מען, זיינען פאראן ארום 50,000 אידן. דאס הייסט קאווקאזער ארט־געבירטיגע, ניט קיין מזרח־אייראפייאישע, וואס האבן זיך דארטן באזעצט נאך דער רעוואלוציע. די קאווקאזער אידן וואוינען שוין דארטן הונדערטער יארן. פאראן א טעאריע, אז זיי האבן אנגעהויבן אהין קומען נאך פאר'ן צווייטן חורבן. די קאווקאזער אידן זיינען פארבונדן געווארן מיט דער לעגענדע פון די עשרת השבטים.

ארום 1,500 אידן געפינען זיך אין ארדזשאניקידזע. אפילו מער גע־פינען זיך אין טיפלים און קוטאאיס. אויסערלעך שיידן זיי זיך ווייניג אונ־טער פון דער ארטיגער באפעלקערונג. זיי האבן ניט קיין איינהייטלעכע שפראך.

די צוויי הויפט־גרופעס פון דער אידישער באפעלקערונג זיינען די „בארג־אידן" אדער „דאג־טשופוט", ווי זיי הייסן ביי דער ארומיגער בא־פעלקערונג, און די „גרוזינישע אידן" אדער „עבראעלים".

די בארג־אידן וואוינען אין צפון־קאווקאז.

זיי רעדן אויף טאט"־אידיש, א פערסישער דיאלעקט מיט העברעאישע און טיורקישע עלעמענטן. פאר דער שריפטלעכער און געדרוקטער שפראך נוצן זיי אבער דעם העברעאישן אלף־בית. זיי האבן אונטער דער סאוועטן־מאכט ארויסגעגעבן א רייכע קינסטלערישע ליטעראטור אין דער טאטישער שפראך, געהאט אן אנגעזעענע גרופע פון אייגענע פראלעטארישע שרייבער, אן אייגענעם טעאטער, שולן און אנדערע קולטור־אינסטיטוציעס.

די קאווקאזער אדער גרוזינישע אידן, די עבראעלים, זיינען מערסטנס קאנצענטרירט ארום טיפלים. זיי רעדן גרוזיניש, ווי די ארומיגע באפעל־קערונג. פאר דער רעוואלוציע זיינען זיי געווען זייער ארעם, פארשטויסן און צוריקגעשטאנען, געלעבט אפגעזונדערט אין ענגע־שמוציגע געטא־גאסן אלס קליינע הענדלער, פעדלער און באלמעלאכעס. די רעוואלוציע האט אריינגעבראכט אין זייער לעבן גרויסע ענדערונגען. א סך פון זיי האבן זיך באזעצט אין די דערפער און געווארן ערד־ארבעטער, קאלווירטני־קעס. די באלמעלאכעס אין די שטעט האבן זיך אויך ארגאניזירט אין ארטעלן און געווארן א וויכטיגער טייל פון דעם אלגעמיינעם סאוועטישן לעבן.

אויסער דעם זיינען געווען אויף קאווקאז נאך אנדערע גרופעס. אין באקו געפינען זיך אויך הונדערטער און מעגלעך טויזנטער, וואס האבן איינגעוואנדערט פון פערסיע און רעדן פערסיש.

---

*) אין דעם קאפיטל וועגן די קאווקאזער אידן האב איך זיך באנוצט מיט די גענויע, אויטאריטעטע און אויטענטישע מאטעריאלן, וואס געפינען זיך אין סאוועטישן זאמלבוך „יידן אין פ.ס.ס.ר." („עמעס", 1935).

גרוזינער אידן.

אין 1935 האָבן זיך געפונען אין גרוזיע ארום 35 טויזנט אידן. זינט 1921, ווען עס האָט זיך געגרינדעט די גרוזינישע סאָוועטישע סאָציאַ־ליסטישע רעפּובליק, האָט זיך ראַדיקאַל־געענדערט דער סאָציאַלער באַ־שטאַנד און די עקאָנאָמישע לאַגע פון די גרוזינישע אידן. ארום זיבן טויזנט פון זיי זיינען אריינגעצויגן געוואָרן דורך דער סאָוועט־רעגירונג אין דער אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט. צוויי אָרגאַניזאַציעס האָבן געהאָלפן דער רעגירונג אין דער ארבעט: דער גרוזינישער „געזערד" (אָרגאַניזאַציע צו העלפן איינאָרדנען אידן ביי ערד־ארבעט, ענלעך צום אמעריקאַנער „איקאָר") און דער „יעווקאָמבעד" (קאָמיטעט אויף איינאָרדנען די אידישע אָרעמשאַפט).

די איבערבוי־ארבעט צווישן די אידישע ארבעטנדיגע אין גרוזיע האָט זיך דערהויפּט פאַנאַנדערגעוויקלט זינט דעם ערשטן פינף יאָר פּלאַן. זינט דעמאָלט זיינען אַנטשטאַנען צענדליגער אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, וואָס באַשעפטיגן די אידישע אָרעמשאַפט אין די שטעט, און צענדליגער אידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלכאָזן (קאָלעקטיוועווירטשאַפטן), וואָס זיינען צעוואָרפן איבער דער גאַנצער ברייט פון לאַנד, פון די סובטראָפּישע אַדזשאַריסטאַנער ברעגן ביז דער גרענעץ פון אָזערביידזשאַן.

אין 1928 האָבן די אידישע קאָלווירטן אין גרוזיע פאַראייניגט 90 משפחות (332 נפשות) אויף אַן ערד־שטח פון 914 העקטאַר. צום יאָר 1931 איז די צאָל קאָלווירטישע פאַמיליעס אויסגעוואַקסן ביז 370 און דער ערד־באַזיץ ביז 1414 הא. אין יאָר 1933 האָבן די קאָלווירטן שוין גע־ציילט 515 פאַמיליעס (2,314 נפשות) און 1,540 העקטאַר.

פון יאָר צו יאָר זיינען די אידישע קאָלווירטניקעס געוואָרן אַלץ פעסטער און פאַרמעגלעכער. אויב אין יאָר 1928 האָבן די אידישע קאָל־ווירטניקעס פאַרמאָגט אינגאַנצן 12 שטיק רינדער און 12 פערד, האָבן זיי שוין אין 1935 געהאַט 118 שטיק פי און 30 פערד. אין יאָר 1932 האָבן די אידישע קאָלווירטניקעס אויסגעארבעט 35,228 טעג־ארבעט, אין 1933 דערגרייכט די צאָל טעג־ארבעט 60,245. אויף איין טאָג־ארבעט אין יאָר 1932 האָט יעדער קאָלווירטניק אין טיריפאָנער קאָלווירט פאַר־דינט 4,2 קילאָגראַם ווייץ, אין ציטעליגאָרער קאָלווירט — 1,6 קילאָגראַם ווייץ און 2 רובל געלט, אין קוטאַאיסער קאָלווירט 7,5 קילאָגראַם ווייץ.

אין יאָר 1933 האָט זיך די צאָל פּראָדוקטן אויף איין טאָג־ארבעט היפּש פאַרגרעסערט. דער טיריפאָנער קאָלווירט האָט געגעבן זיינע מיט־גלידער 12,5 קילאָגראַם ווייץ אַ טאָג און 1 רובל 60 קאָפּ. געלט. דער ציטעלגאָרער קאָלווירט — 5 קילאָגראַם ווייץ און 1 רובל געלט א. אז. וו.

איינציגע ביישפּילן: דער מיטגליד פון טיריפאָנער קאָלווירט אבראַם

קעסעראָוו האָט צוזאַמען מיט זיין זון אויסגעאַרבעט 328 טעג־אַרבעט. זייער פאַרדינסט איז באַשטאַנען פון: 869 קילאָגראַם ווייץ 656 קילאָגראַם גערשטן, 2,327 קילאָגראַם קוקורוזע, 15,10 קילאָגראַם צוקער, 900 רובל און כמעט 2 טאָג פוטער פאַר די פּי.

דער מיטגליד פון אבאַלציכער אידישן קאָלווירט בענאָ מעטראַשווילי האָט אויסגעאַרבעט 290 טעג אַרבעט און האָט באַקומען: 124 קילאָגראַם קוקורוזע, 812 קילאָגראַם קאַרטאָפל, 87 קילאָגראַם ווייץ, 72 קילאָגראַם גערשטן, 453 קילאָגראַם עפּל, 145 קילאָגראַם ציבעלעס, 580 קילאָגראַם טאָמאַטן, האָניק, פּוטער, קעז, מילך, גרינס און דערצו נאָך 1,200 רובל.

דער גרוזינישער געזערד האָט געהאָלפן די אידישע קאָלווירטן אויף פאַרשיידענע געביטן: ער האָט פינאַנסירט זייער הייזער־בויאונג, געגעבן קרעדיט אויף אינווענטאַר, געזאָרגט פאַר זייערע קולטורעלע און מעדיצי־נישע באַדערפעניש. אין די אידישע קאָלווירטן אין גרוזיע געפינען זיך ראַדיאָס, מואווי (קינאָ)־טעאַטערס, עלעקטרישע סטאַנציעס, וואַסער־לייטונג. אָט־די נעכטיגע אייגוואָווינער פון די שמוציגע, פאַרלאָזטע גרוזינישע אידישע קוואַרטאַלן מיט זייער מיטלאַלטערלעכן לעבן־שטייגער, האָבן גע־בראַכט צו זיך מאָדערנע לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינעס און געבויט זייער ווירטשאַפט לויט די נייעסטע מעטאָדן.

די קולטורן, וואָס ווערן פאַרזייט אין די אידישע קאָלווירטן, זיינען פאַרשיידנאַרטיג: ווייץ און גערשטן, קוקורוזע, קאַרטאָפל, גרינס, וויינ־טרויבן, עפּל, טאַבאַק, טיי א. אז. וו.

איינער פון די אינטערעסאַנטסטע איז דער קאָלווירט „דריטער אינ־טערנאַציאָנאַל״ אין מוכראַני מיט אַן אינטערנאַציאָנאַלן מיטגלידער־באַ־שטאַנד פון אידן, גרוזינער און אַרמענער. דער קאָלווירט איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין יאָר 1930. אין אָנהויב זיינען אין אים אריינגעטראָטן 17 ווירטשאַפטן, פון זיי 12 אידישע. דער ערד־שטח איז באַשטאַנען פון דריי העקטאָר. שווער און פיינפול זיינען געווען די ערשטע טריט פון׳ם קאָל־ווירט. די קאָלווירטניקעס — ניט געוואוינט מיט דער אַרבעט, ערד ווייניג — האָט מען זיך גענומען צו עופות־צוכט, אָרגאַניזירט אַ ציגל־זאַוואָד. אין 1931 האָט דער קאָלווירט באַקומען נאָך ערד און זיך פאַרנומען מיט פעלד־צוכט. אין 1932 זיינען אין קאָלווירט שוין געווען 17 אידישע פאַ־מיליעס. דעם זעלביגן יאָר איז אויסגעבויט געוואָרן אַ קאָלעקטיווע שטאַל, מען האָט איינגעקויפט דעם נייעסטן לאַנדווירטשאַפטלעכן אינווענטאַר, דער קאָלווירט האָט זיך פאַרנומען מיט וויינגערטנעריי.

אין יאָר 1933 איז דער ערד־שטח פון קאָלווירט ווידער פאַגרעסערט געוואָרן. די צאָל אידישע פאַמיליעס איז אויסגעוואָקסן ביז 22. די מיל, וואָס דער קאָלווירט האָט אויסגעבויט, האָט פאַר צוויי חדשים געגעבן 60

פוד מעל. ער האָט אין יענעם יאָר געהאַט אַ גלענצנדיגע גערעטעניש.

די שלאָגלער פון דעם קאָלווירט זיינען געווען: יוסף באַזאַזאַשווילי. ער האָט אויסגעאַרבעט 186 טעג־אַרבעט. טבילעלאַשווילי האָט אויסגע־אַרבעט 208 טעג־אַרבעט. גאַבאַ דאַווראַשווילי, איליאַ באַזאַזאַשווילי און מזאַרעאַולאַוו. יעדער פון זיי האָט פאַרדינט צענדליגער קילאָגראַמען פאַרשיידענע פּראָדוקטן, וואָס האָבן געזיכערט אים און זיין פאַמיליע אַ זאַט לעבן ביז דער נייער גערעטעניש.

אין יאָר 1934 איז ווידער פאַרגרעסערט געוואָרן דער ערד־שטח פון קאָלווירט. אויף 133 נפשות פאַרמאָגט ער שוין $51\frac{1}{2}$ העקטאָר. אידישע פאַמיליעס זיינען שוין פאַראַן 26. מיט לאַנדווירטשאַפטלעכן אינווענטאַר איז ער געווען פאַרזאָרגט. דער קאָלווירט איז געוואָקסן פון יאָר צו יאָר אין אַלע הינזיכטן, אויך אויפ'ן קולטורעלן געביט.

נאָך אין יאָר 1933 איז אינגאַנצן ליקווידירט געוואָרן דער אַנאַלפאַ־בעטיזם צווישן זיינע מיטגלידער. אין דער שול פון קאָלווירט האָבן זיך געלערנט 30 קינדער. ס'איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ פונקט פאַר זויג־קינ־דער. 12 אידישע פרויען האָבן אין יענעם יאָר אַנטייל גענומען אין דער ווירטשאַפט און איינע פון זיי, ראַכעל באַזאַזאַשווילי, איז באַלוינט געוואָרן מיט אַ שלאָגלער־ביכל.

די אידישע קאָלווירטניקעס אין גרוזיע האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר גוטע טיי־פּלאַנטאַטאָרס. אין דער סאָוועטישער פלאָרידע, ניט ווייט פון באַטום, עקזיסטירן שוין אַ סך יאָרן דער אידישער קאָלווירט „אַדזשאַרים־טאַנער געזערד". זיינע גרונט־קולטורן זיינען טיי און ציטרוס־פּרוכטן. אין יאָר 1933 האָט דער קאָלווירט אָפּגעליפערט דריי טאָן טיי פון ערשטן סאָרט און איין טאָן פון צווייטן. די טיי־פּלאַנטאַציע „אַדזש. געזערד" האָט אין 1934 פאַרטאָפּלט די גערעטעניש. און מיט יעדן ווייטערדיגן יאָר זיי־נען די פּלאַנטאַציעס פאַרגרעסערט געוואָרן.

די וויסטע, שמוציגע חורבות אין די גרוזיניש־אידישע קוואַרטאַלן זיינען פאַרשוואונדן און אויף זייער אָרט זיינען געוואָקסן מאָדערנע ליכ־טיגע הייזער. די פּילצאָליגע אינדוסטריעלע אַרטעלן פון „יעווקאָמבעד", די אידישע קאָלווירטן, די אידישע קולטורעלע אינסטיטוציעס אין גרוזיע זיי־נען אויך געווען אַזעלכע ליכטיגע געביידעס, וואָס די סאָוועטישע מאַכט האָט אויסגעבויט אויפ'ן אָרט פון פאַרשאָלטענעם נעכטן.

באַרג־אידן

די באַרג־אידן אָדער קאַווקאַזער אידן וואוינען אין די בערג אויף די פלאַכן פון צפון־קאַווקאַז: דערהויפּט אין דאַגעסטאַן און אַזערביידזשאַן. זיי רעדן אויף טאַטיש — איינער פון די פּילצאָליגע קאַווקאַזער דיאַלעקטן. זייער אויסזען — אַ געמיש פון סעמיטישן און מאָנגאָלישן טיפּ. זייער

לעבן־שטייגער ביז דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע — אָפּגעשטאַנען און קאָנ־סערוואַטיוו, די פרויען אונטערדריקט און אָפּגעטיילט, די מאַסע שטאַרק רעליגיעז און אומוויסנדיג.

איצט איז די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג אין דאַגעסטאַן צוגעצויגן צו פּראָדוקטיווער ארבעט — אין די צפון־קאַווקאַזער אינדוסטריעלע אונ־טערנעמונגען, אין קאָאָפּערירטע קוסטאַרישע אַרטעלן און אין דער סאָציאַ־ליסטישער לאַנדווירטשאַפט. עס איז פאַראַן אַ ברייטע נעץ פון אַלערליי שולן און דערציאונג־אַנשטאַלטן מיט טאַטיש אַלס אונטעררריכט־שפּראַך; ס'איז ליקווידירט געוואָרן דער אַנאַלפאַבעטיזם פון דער דערוואַקסענער באַ־פעלקערונג; עס ווערן אַרויסגעגעבן לערן־ביכער אויף דער מוטער־שפּראַך א. אז. וו.

די פּלאַנמעסיגע ערד־איינאָרדנונג פון די באַרג־אידן האָט זיך אָנגע־הויבן כמעט אין איין צייט מיט דער אַלגעמיינער אידישער איינאָרדנונג. מיט דעם האָט זיך פאַרנומען דער דאַגעסטאַנער קאָמערד, — די דאַגעסטאַ־נער רעפּובליקאַנישע אָפּטיילונג פון צענטראַלן קאָמערד (רעגירונגס־קאָ־מיטעט פאַר אידישער ערד־איינאָרדנונג). זיין נאָענטסטער מיטהעלפער איז געווען דער געזערד.

די ערד־איינאָרדנונג פון די באַרג־אידן האָט זיך געפירט אויף צוויי אופנים: דורך אויסטיילן מאַסיווע ערד־פאָנדן אין פאַרשיידענע געגנטן פון דאַגעסטאַן און אַנדערע צפון־קאַווקאַזער ראַיאָנען און אויך דורכ'ן אָרגאַניזירן ערד־אַרבעטער־און וויינגאַרטנער־קאָלעקטיוון אין נאָענטסטער שכנות מיט די שטעט מיט אַ באַדייטנדיגער באַרג־אידישער באַפעלקערונג.

אין די ערשטע יאָרן פון דער פּלאַנמעסיגער ערד־איינאָרדנונג האָבן די געהעריגע סאָוועטישע אָרגאַנען אויסגעטיילט פאַר די באַרג־אידן 2,000 הא. אין מאָזדאָקער ראַיאָן, (עס קומען איצט דאָרטן פאַר ביטערע שלאַכטן מיט די נאַצישע בעסטיעס), אין סטעפּנאָווער ראַיאָן 6,000 הא., אין קיז־ליארער קרייז — 10,000 הא., אַ חוץ דעם אין אַזערביידזשאַן (טראַנסקאַוו־קאַז) — אַרום 1,000 הא.

ניט אומעטום איז די איבערוואַנדערונג געגאַנגען מיט דערפאָלג. די ערשטע איבערוואַנדערער האָבן זייער פיל געליטן איבער'ן מאַנגל אין וואַסער, פון דער מאַלאַריע (פיבער־קראַנקהייט), וואָס איז פאַרשפּרייט אין אייניגע דאַגעסטאַנער ראַיאָנען. אַ טייל האָט זיך אומגעקערט צוריק אין די אויסוואַנדערונג־ערטער. די מערהייט אָבער האָט אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקן ווילן צו רייסן ענדגילטיג מיט דער פאַרגאַנגענהייט און זיך איינשליסן אין דער גרויסער סאָציאַליסטישער בויאונג, וואָס קומט פאָרט אין לאַנד.

די רעזולטאַטן פון דער איבערוואַנדערונג זיינען געווען ביז גאָר באַ־דייטנדיגע. אין יאָר 1935 האָבן שוין 26 פּראָצענט פון דער באַרג־אידי־

שער דאַגעסטאַנער באַפעלקערונג זיך פאַרנומען מיט לאַנדווירטשאַפט. די צאָל אידישע קאָלווירטן איז אין די לעצטע יאָרן כסדר געוואַקסן. אין יאָר 1930 האָט דאַגעסטאַן פאַרמאָגט 20 באַרג־אידישע קאָלווירטן מיט 477 ווירטשאַפטן. צום ערשטן אויגוסט 1931 זיינען אין דאַגעסטאַן שוין געווען 22 קאָלווירטן מיט 525 ווירטשאַפטן. אָנהויב 1933 איז די צאָל קאָלווירטן דערגאַנגען ביז 27 מיט 550 ווירטשאַפטן. דער גרעסטער טייל פון זיי קאָנצענטרירט זיך ארום דער שטאָט דערבענט. זיי האָבן אין 1934 פאַרמאָגט א פאַרזיי־שטח פון כמעט 1,000 העקטאַר און 324 העקטאַר וויינגערטנער. אחוץ די לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלווירטן זיינען אין דאַגעסטאַן פאַראַן אויך א ריי אידישע פישער־קאָלווירטן, וואָס האָבן פאַראייניגט ארום 500 פאַמיליעס נאָך אין יאָר 1934, און אויך א באַדייטנדיגע צאָל אינדיווידועלע, דערהויפּט וויינגערטנערישע ווירטשאַפטן.

אין יענער צייט זיינען אין דאַגעסטאַן שוין געווען אָרגאַניזירט דריי אידישע נאַציאָנאַלע ראַטן, וואָס האָבן פאַראייניגט אָרום 400 פאַמיליעס.

די איבערוואַנדערונג פון די באַרג־אידן איז, ווי געזאָגט, פאָרגעקומען דערהויפּט אויף ספּעציעלע ערד־פאָנדן, וואָס די רעגירונג האָט פאַר זיי אויסגעטיילט. די לעצטע יאָרן האָט זיך די איבערוואַנדערונג קאָנצענטרירט דער עיקר אין מאָזדאָקער ראַיאָן (צפון־קאַווקאַז). א דאַנק דער הילף פון די אָרטיגע סאָוועטישע און פּאַרטייאישע אָרגאַנען, ביים נאָענטסטן אַנטייל פון צפון־קאַווקאַזער געזערד, זיינען אין גאָר א קורצער צייט אויסגעוואַקסן צוויי וואויל־איינגעאָרדנטע איבערוואַנדערישע ישובים, גראַנשטאַקאָוועקע און באָגדאַנאָוועקע, וואָס האָבן נאָך אין 1934 פאַראייניגט 195 באַרג־אידישע פאַמיליעס. די ישובים פאַרמאָגן אייגענע נאַציאָנאַלע ראַטן.

די 125 באַרג־אידישע פאַמיליעס פון קאָלווירט „באָגדאַנאָוועקע" האָבן געציילט 700 נפשות, פון זיי 260 אַרבעט־פעיאיגע.

אין 1933 איז דורך באָגדאַנאָוועקע דורכגעפירט געוואָרן א באַוואַסערונג־קאַנאַל, אזוי אַז אַלע קאָלווירטישע ווירטשאַפטן זיינען באַזאָרגט מיט גרינס פון די אייגענע גערטנער. דער קאָלווירט האָט פאַרמאָגט אַן ערד־שטח פון 4,000 הא. פון דעם זיינען 1,500 הא. געווען פאַרזייט מיט פאַרשיידענע קולטורן, 1,200 הא. האָבן געבילדעט דעם רעזערוו און 1,000 הא. זיינען געווען פאַרנומען מיט גרינס־גערטנער. די קאָלעקטיווע ווירטשאַפט פון קאָלווירט האָט געציילט 36 פערד, 480 שעפּסן, 13 קי, 35 יונגע פי, 10 אָקסן, אחוץ דעם עופות.

דער קאָלווירט האָט פאַרנומען אין מאָזדאָקער ראַיאָן דאָס צווייטע אָרט לויט דער קוואַליטעט און צאָל פון ארונטערגענומענעם בוימוואָל. דאָס זעלבע איז אויך מיט קוקורוזע און מיט ווייץ.

אין 1933 האָט יעדער קאָלווירטניק באַקומען פון דער גערעטעניש אויף זיין חלק 5½ קילאָגראַם ווייץ פאַר יעדן טאָג־אַרבעט. אין אַלגעמיין

אויסשפּיר־גרופּע פון קאַווקאַזער סאָוועטישע רייטער

האָבן די באַנדראַוווקער קאָלווירטניקעס אויסגעאַרבעט אין 1933 60,800 טעג־אַרבעט, אנשטאָט די 31,000 אין פאַרינן יאָר.

אין דער אַרבעט האָבן אַנטיילגענומען יונג און אַלט, פון דער 20־יאָ־רינער מאַשיר איזראַעליעוונא ביז דער 75־יאָריגער גוגערטשי עלדאַראָווא.

אגב דאַרף דאָ פאַרצייכנט ווערן די אַקטיווע אַרבעט פון דער באַרג־אידישער פרוי, דער פריערדיגער שקלאַפין, וואָס האָט קיינמאָל ניט געטאָרט אַרויסזאָגן איר מיינונג, ניט דערווידערן דעם מאַן און די עלטערן, ניט אַרויסגיין פון אירע באַגרענעצטע קיך־ענינים, שוין אָפגערעדט פון געזעל־שאַפטלעכער טעטיגקייט און קאָלעקטיווער אַרבעט.

דער קאָלווירט גאַנשטאַקאָווקע האָט געציילט 311 נפשות. אַלע קאָל־ווירטניקעס זיינען געווען באַזאָרגט מיט נייע, גוט־אויסגעבויטע הייזער. דער קאָלווירט האָט פאַרמאָגט 2,200 העקטאַר ערד, 145 קי, 136 חזירים, 21 אָקסן, 5 פערד, קראָליקעס און עופות. די בעסטע שלאָגלער פון קאָל־ווירט זיינען געווען שמשון אלכאזאָוו, עמאל דאגאיעוו, ליפגא ראַזאיעווא, אָסיא שוביעוו, בוכא אראנאָוו, א. א. (באַמערקט די טשיקאַווע פאַמיליע־נעמען). דער קאָלווירט האָט באַקומען פאַר זיין מוסטער־אַרבעט די איבער־גייענדיגע פאָן פון מאַזדאָקער ראַיאָן. אויף דער פייערונג פון 17טן יאָר־טאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע זיינען 11 קאָלווירטניקעס פּרעמירט געוואָרן מיט פאַרשיידענע ווערטפולע זאַכן. דער קאָלווירט האָט פאַרמאָגט אַ שול, וואו עס האָבן זיך אין 1933 געלערנט 58 קינדער. עס איז פאַראַן אַ דראַמאַטישער קרייז, אַ כאָר, אַ ביבליאָטעק, אַ קלוב.

די שטאָט דערבענט האָט ביז'ן יאָר 1932 פאַרמאָגט אַ אידישן קוואַר־טאַל מיט'ן נאָמען „מאַגאַל". אַ מוראַ'דיגע פאַרפּלאָנטערטע נעץ פון גאַסן און געסלעך, ניט קיין ברוקירטע, פאַרגאַסענע מיט שמוץ, די הייזעלעך קליינינקע, ליימענע, האַלב־פינצטערע. אין אָט־די געסלעך האָט זיך יאָר־הונדערטער געשטיקט די באַרג־אידישע באַפעלקערונג אין איר מזרח'דיגער אָפגעשטאַנענקייט און מיטלאַלטערלעכן פאַנאַטיזם.

אַזוי ווי אין גרוזיע, איז אויך אָט־די נעסט פון פינצטערקייט און עפּידעמיע אויסגעוואָרצלט אויף אייביג. עס ווערט אַראָפּגעטראָגן אַ הויז נאָך אַ הויז און אויף זייער אָרט וואַקסן אויס נייע ברייטע און גרויסע קאָ־מונאַלע הייזער מיט אַ סך דירות, אויף זייער אָרט האָבן זיך אַנטוויקלט אין דער נאָענטקייט פון דערבענט ערד־אַרבעטער־און פישער־קאָלווירטן, וואו עס האָט זיך געשאַפן אַ נייער באַרג־איד.

און אַז די פריערדיגע דערבענטער תושבים: חזקיה, אליהו, נפתלי און הונדערטער אַנדערע קוועטשן דעם וויין פון זעק אָנגעפילט מיט וויינ־טרויבן, ווען זיי זעען פאַר זיך דעם קאָלווירטישן פאַרזיי, די בוימוואָל־פּלאַנטאַציעס, די קוקורוזע־פעלדער, פילן זיי און וויסן, אַז דער „מאַגאַל" האָט די שליטה איבער זיי שוין פאַרלאָרן.

דער טויט פון מאַגאַל *)

חזקיה, דער וויינגערטנער, האָט געשטאַמט פון דעם אַאול מאַמראַטש. ער האָט לאַנגע יאָרן אָפּגעפינסטערט אין „מאַגאַל“, וואָס איז שפּעטער אויסגעגליכט געוואָרן מיט דער ערד. איצט האָט ער געוואוינט אין אַ נייער שטוב ביי די שורינער טויערן. די פענסטער פון זיין צימער זיינען ארויס אין אַ דערבענטער גאַס, וואָס איז פול געווען מיט קינדערשן געפילדער. די קינדער האָבן זיך געשפּילט מיט ברען: אַוועקגעלאָזט הילצערנע דריידלעך, געוואָרפן שעפּסענעביינדלעך.

חזקיה איז געווען יום־טוב׳דיג געשטימט. ער איז געזעסן אויף אַ ווייכער קרעסלע און פּאַמעלעך געזופּט פון אַ גלאָז די שוואַרץ־רויטע וויין פון אייגענער אויסאַרבעטונג. ווייסע חלה, וואָס זיין ווייב לאָוואָני האָט אַליין אויסגעבאַקן, האָט אָנגעפילט אַ גרויסן פלאַכן קופּערנעם טעלער. דאָס ווייב און קינדער זיינען געזעסן אַרום אים אויף אַן „ענגלישן“ בעט.

חזקיה איז איינער פון די ערשטע אַרויסגעפאָרן פון דעם פאַרשאָלטענעם „מאַגאַל“. זיין שטוב איז געווען איינע פון די ערשטע, אויף וועמען אין די שעה׳ן פון די „סובאָטניקעס“ עס האָבן זיך צאָרנדיג אַרויפגעוואָרפן רידלען און לאָמען. ער איז אַ מזל׳דיגער, ס׳האָט אים אָפּגעגליקט, זאָגן וועגן אים זיינע פריינט.

אין דעם אַכצנטן יאָר (1918) איז ער געלאָפן פון זיין געבורט־פּלאַץ מאַמראַטש. דער טעם פון היימישן אַאול, דער געשפּענסט פון די פעלדער און חרוב׳ע הייזער, בראָדזשען נאָך אין זכרון.

די ווייסע באַנדע פון דעם קאַסום־קענטישן קולאַק אבדוראַכמאַנאָוו איז פּלוצים באַפאַלן צוויי צענדליג באַרג־אידן, וואָס זיינען געגאַנגען פון

---

*) דער פולער נאָמען פון דער אידישער געטאָ אין דערבענט איז געווען „מאַגאַל־דזשואור“. וועגן „חזקיה“, דעם פריער־דערמאָנטן באַרג־אידישן וויינגערטנער־קאָלווירטניק, האָב איך דורך אַ צופאַל געפונען אין אַ רוסישער זאַמלונג „דאַגעסטאַן“ (1936) די פאַרצייכענונג „דער טויט פון מאַגאַל“ פון א. ראקיטניקאָוו. אין גאַנץ אַמעריקע, האָט מען מיר פאַרזיכערט, געפינט זיך בלויז איין און איינציגער עקזעמפּלאַר פון „דאַגעסטאַן“ פון וואַנען איך האָב עס פריי איבערזעצט, ווי אַ זייער פּאַסיגע דערגאַנצונג צו די פאַקטן און ציפערן וועגן די קאַווקאַזער באַרג־אידן.

די פעלדער אין אאול. די אידן האָט מען צעשעטקעוועט. די קולאַקעס האָבן זיך אַפּגערעכנט מיט די איינוואוינער פון מאַמראַטש פאַר'ן אַנטייל פון די בארג־אידן אין דער רויטער גווארדיע פון דערבענט. זיי האָבן געפּאָדערט מ'זאָל זיי אַרויסגעבן דעם אַרבעטער־לעזגין, אַ באָלשעוויק פון באַקו, קאַזי־מאַכמעד אַגאַסיעוו.

נאָר קיינער האָט ניט געזען און ניט געוואוסט, וואו עס געפינט זיך קאַזי־מאַכמעד אַגאַסיעוו, דער באָלשעוויק פון באַקו.

חזקיה איז געלאָפן מיט זיין משפחה קיין דערבענט. ס'האָט אים אָפּגעגליקט. ער איז לעבן געבליבן. ער האָט ניט געזען, ווי מ'האָט גע־שאָסן און געשאָכטן יונגע בחורים און מיידלעך אויפ'ן געראַמען הויף פון דער סינאַגאָגע אין מאַמראַטש. ער האָט ניט געזען ווי פון זיין ליימיגן שטיבל האָט מען אַרויסגעשלעפּט זיין גאַנצן אָרעמען פאַרמעגן און אוועקגעפירט אין די בערג. ער האָט ניט געזען, ווי עס האָט זיך געוואַלגערט אין שטויב דער קערפּער פון דערשאָסענעם לעזגין קאַזי־מאַכמעד, וואָס איז אָפּגעזוכט געוואָרן פון די ווייסע באַנדיטן אין די אַרומיגע פעלדער אויף מאָרגן נאָכ'ן פּאָגראָם אין מאַמראַטש.

דערבענט האָט אויפגענומען חזקיה'ן אין די פינסטערע, ענגע געסלעך פון מאַגאַל. אַט־דער אידישער געטאָ־קוואַרטאַל האָט שוין עקזיסטירט זייער, זייער לאַנג. מלחמות, רעליגיעזע פאַרפאָלגונגען, נאַציאָנאַלע רייַ־סערייען האָבן אין משך פון הונדערטער יאָרן צוגויפגעטריבן אַהער, אין דעם ליימיגן זאַק, באַרג־אידן פון קאַסום־קענט, טאַבאַסאַראַן, אואיטאַגסק, דערבענט און אַנדערע ראַיאָנען.

פינצטער און ביטער האָט דער מאַגאַל זיך אויסגעוויזן צו זיין פאַר חזקיה. די נידעריגע כאַלופּעס האָבן זיך געטוליעט איינע צו דער אַנדערער, געווען טיף אריינגעוואַקסן איבער'ן גאַרטל ניין איילן אין דער ערד. אַ קאַרגע זון האָט זיך קוים דורכגעשלאָגן דורך די בלינדע, צעקרימטע פענס־טערלעך. כמעט אומעטום זיינען די טירן געווען אויך די פענצטער. שמוץ, אָרעמקייט, אומרואיגע קלאַנגען וועגן שחיטות, ביטערע דערציילונגען וועגן פאַרלאָזענעם היימישן אאול און באַלעבאַטישקייט, זיינען געוואָרן שטענדיגע באַגלייטער פון חזקיה.

ס'איז אָבער געקומען דער טאָג, און די ווייסע זיינען געלאָפן, ווי פּחדנות'דיגע שאַקאַלן. חזקיה איז געווען אויפ'ן ערשטן מיטינג, גע'יובל'ט און געשריען צוזאַמען מיט אַלע, און זיין שווארצע פּאַפּאַכע איז געפלויגן אין דער הויך:

— יאַשאַסון, סאָוועטישע מאַכט!

און אָט איז ער — דער מזל'דיגער חזקיה. נאָר דאָס איז ניט געקו־מען פון העלער הויט. זיין גליק איז געוואַקסן ביסלעכוויז, עס האַלט אין

איין וואקסן — אלץ מיט גרעסערער שנעלקייט.

* * *

ניט פארגעסן וועט מען יענעם פרישן הארבסטיגן טאג!

פון די בערג האט געווייט מיט קעלט. די פינצטערע דערבענטער פעסטונג, וואס איז לויט דער לעגענדע געבויט געווארן פון אלכסנדר מוקדון, האט ארונטערגעלאזן אירע שווערע ווענט צום ים. אירע ריזיגע טורעמס האבן ווי א קאנטראסט אונטערגעשטראכן די קארליק־געוויקסיגע כאלופעס פון „מאגאל“. חזקיה איז געשטאנען לעבן זיין שטיבל, געקוקט אויף די שווערע פעסטונג־ווענט און געטראכט וועגן די הונדערטיאריגע צרות פון מאגאל. ענדלעך איז געקומען די שעה פון מאגאל'ס טויט. די דאגעסטאנער באלשעוויקעס האבן באשלאסן צו מאכן א סוף צו דער געטא — א ירושה פון דער צארישער אליינהערשאפט.

וועגענער האבן פארפראפט דאס ענגע געסעלע. דאס ווייב און קינדער האבן ארויסגעטראגן די בעבעכעס מיט האק־און־פאק. אויפ'ן ארט פון די בידנע כאלופעס וועלן זיין סעדער, דארטן וועלן זיך צעבליען אינזשיר, איווע, אקאציעס, ניס, און זיי וועלן ווייט פארשפרייטן זייער שמעקעדיגן דופט. אפשר וועט מען דא אויסבויען א פאבריקע, און בארג־אידן פון מאגאל, טיורקן פון אויבערשטן טייל פון דערבענט, די איינוואוינער פון די פילשפראכיגע בארג־אאולן וועלן געפינען ארבעט און גליק.

„אזוי וועט טאקע זיין“, האט געטראכט חזקיה.

ער איז געשטאנען אינמיטן געסל, ברייט צעשטעלט די פיס, ניט שענקענדיג קיין אויפמערקזאמקייט דער שמוץ און די אומריינקייטן, וואס האבן זיך געטראגן איבער'ן רינשטאק. דער רינשטאק איז געווען אזוי אלט ווי דער מאגאל, ער האט זיך געצויגן איבער דער גאנצער לענג פון דער גאס. דער רינשטאק, וואו די ווייבער פלעגן אויסגיסן אלע פאמאיניצעס, וועט אויך פארשווינדן.

עטלעכע מאל האט ער זיך ארונטערגעלאזן אין זיין קליינעם האלבקעלערדיגן צימער. דארטן האט זיך געטאן אויף טיש און אויף בענק: פעקלעך, זעקלעך, קעסטלעך. אויף א לייוונטענער ראגאזשע (דער טעפיך איז אומגעקומען אין דעם פאגראם אין מאמראטש) איז ער אפגעזעסן אנדערהאלבן צענדליג יאר, געבראכן דעם הארטן טשורעק (אזעלכע גרוזינישע קוכנס), אים געטונקט און געווייקט אין טיי, זעלטן געטרונקען ווייו. אין רעגנדיגע טעג האט דאס וואסער פארפלייצט די שטוב. דאס האט פאסירט אויך ביי די שכנים. צוזאמען פלעגן זיי אויספאמפען, אויסשעפן דאס וואסער.

חזקיה איז ארוים אין גאס און פריידיג אפגעזיפצט. אויפ'ן וואגן — פארביגע וואטאווע קאלדרעס, א צעבויגענער סאמאוואר, גרויסע קרוגן

פאר וואסער. דאס ווייב וויינט, גלאט אזוי, סתם אזוי, אָן א פארוואס — אפשר פון שמחה. עס הויבט זיך אָן א נייע פאזע אין לעבן, און די פרוי וויינט. נאָר ער, חזקיה, האָט זיך געשיידט מיט'ן „מאגאל" אָן שום בענקשאפט. ער איז שוין געווען א קאָלווירטישער וויינגערטנער. ער האָט געוואוסט די צוקונפט. זי איז געגאנגען פאראויס און ארויף, ווי א בארגיגער וועג פארגאסן מיט זון.

ער האָט נאָכאמאָל באקוקט דעם „מאגאל", און ער האָט אים געזען אין זיין גאנצער נאקעטקייט, נעבעכדיגקייט און שמוץ. חזקיה האָט זיך אויסגעדרייט צו די שכנים און געזאָגט:

— חברים, איך פאָר אוועק איינער פון די ערשטע, און דעריבער — בין איך דער מזל'דיגער חזקיה. איינגיכן וועט קומען אייער ריי. דריי גרויסע הייזער זיינען שוין אויסגעבויט, נאָר מען פירט שוין די שטיינער פאר נאָך צוויי. בארג־אידן, באדויערט ניט, קרעכצט ניט, בײם געזעגענען זיך מיט די הינטישע קאָנורעס. בלויז שפעקולאנטן און פוסטעפאסניקעס, וואס מאכן א לעבן פון קונקל־מונקל געשעפטן, פון יענעמס בלוט און שוויים, וועלן קלאָגן אויף דער צעשטערונג פון דעם „מאגאל". מיר וועלן איינגיכן אהער קומען אויף א „סובאָטניק". מיר וועלן קומען מיט רידלען און לאָמען. די סאָוועטישע מאכט האָט באשלאָסן צו שיקן דעם „מאגאל" צו אלדי שווארץ יאָר. אויב מען וועט מיך פרעגן, וועל איך זאָגן: אויפ'ן פלאץ פון „מאגאל" דארף זיין א פארק. די בארג־אידן וועלן וואוינען גלייך מיט אלעמען אויף די אייראָפעאישע גאסן פון דערבענט. און דאָ וועט זיין א פארק פאר קולטור און אָפרו, ווי אין מאָסקווע. און אלע פעלקערשאפטן וועלן דאָ איינאָרדנען ברידערלעכע פייערונגען, פאראדן און מאסאָווקעס.

חזקיה האָט א שמייכל געטאָן.

— יאָ, אזוי האָב איך דעמאָלט געזאָגט: מאסאָווקעס! א גוט וואָרט!

די וועגענער האָבן זיך גערירט. א שאָד, וואס עס איז ניט געווען קיין אָרקעסטער אויסצושפילן די מוזיק פון זייערע הערצער אין יענעם מאָמענט.

די פערד האָבן זיך לאנגזאם געשלעפט אויפ'ן בארג. די גאנצע משפחה פון חזקיה, זעקס פארשוין, איז צופוס אוועק צו די שורינער טויערן.

דער נייער שטיינערנער צוויי־שטאָקיגער מויער האָט זיך אויסגעטיילט אויפ'ן הינטערגרונד פון דער טויזנטיאָריגער פעסטונג־וואנט. דורך די שורינער טויערן האָט זיך אריינגעשלייכט א לייכט ווינטל. עס האָבן זיך געזען סעדער, וויינגערטנער, פעלדער און פליינען. דורך אָט־די שורינער טויערן האָבן זיך אמאָל אריינגעריסן די צארישע חיילות, וואס האָבן פארכאפט קאווקאז.

אין דעם טאָג פון אריבערקלייבן זיך האָט מען, פארשטייט זיך, גע־קאָנט משוגע ווערן פון דער האַוועניש און לויפעניש. אויף יעדן שטאָפּן האָט זיך געווירבלט און געשווייבלט, די קופערנע כלים האָבן געקלונגען, די ווייבער האָבן גערעדט די ניין מאָס רייד און די קינדער האָבן געפּילדערט מער פון אַלע אויף דעם גרויסן באַלקאָן.

חזקיה האָט באַקומען צוויי צימערן. ער האָט לייכט אריינגעטראָגן די בעט — דאָס איז דאָך שוין ניט געווען דער ענגער פינצטערער קבר פון „מאַגאַל!" ער האָט צוגעפּעסטיגט אויף דער וואַנט די פּאָרטרעטן פון לענין, סטאַלין און פארוואַנדטע. צעהאַנגען די מעשענע טאַצן אויף די ווענט פון דער קיך. אָנגעצונדן די עלעקטרע. דער צימער האָט פארגאַפּט מיט די הויכע סופיטן, הילצערנע דילן, גרויסע פענכטער.

מענטשן האָבן זיך אָפּגעגעבן מזל־טוב און געוואונטשן אַ סך נחת אין ווייטערדיגן לעבן.

אַזוי איז אריינגעפאָרן אין דער נייער שטוב דער מזל׳דיגער חזקיה.

* * *

דער „מאַגאַל" איז צעשטערט געוואָרן. דער קאָלווירט פון חזקיה — אויף דעם אלדאַנגעסטאַנער ערן־טאָוול. ער האָט באַקומען עטלעכע ליטער ווײַן פאַר יעדן ארבעטס־טאָג. ער עסט ווייסע חלה. ער האָט געקויפט קליידער, שיך, אַ ניי־מאַשין. זיינע פעסער זיינען אָנגעפילט מיט פראַכט־פולן ווײַן. ווייץ וועט אים קלעקן ביז דער נייער גערעטעניש. אַ חוץ דעם איז דאָך נאָך פאַראַן דאָס קאָלווירטישע האָב־און־גוטס. די צוקונפט שטאַנדהאַפטיג. דאָס לעבן רוישט ווי אַ בינשטאָק אין פרילינג. דאָס ארו־מיגע לעבן איז פול מיט ריזיגער, דאַנקבאַרער ארבעט.

דער גליקלעכער חזקיה האָט אַ זון זבולון.

ערשט נעכטן האָט ער באַקומען פון זון אַ בריוו פון לענינגראַד. וויל ווער פון די בארג־אידישע דערוואַקסענע קינדער פאַרט עס איצט ניט אין די גרויסע צענטערס זיך לערנען! ביז דער רעוואָלוציע האָבן די דערבענטער בארג־אידן כמעט ווי ניט באַזוכט קיין שולע, און אָפּגערעדט פון אַ „וועלט־לעכער" שולע. אָפט איז דאָס קינד געגאַנגען אין חדר, וואו אַ רבי מיט אַ קאַנטשיק האָט געזוברעוועט מיט די פארשלאָפענע, דערשלאָגענע, זיך שאָק־לענדיגע קינדער פון אַ סדור אָדער חומש אומפארשטענדלעכע העברעאישע ווערטער. איצט איז גאָר עפּעס אַנדערש. טויזנטער שול־קינדער. דער קאָלווירט „אויפ׳ן נאָמען פון ל. קאַגאַנאָוויטש" האָט פאַר קאָלווירטישע מיטלען אויפגעבויט אין סאַמע מיטן פון דער שטאָט דערבענט אַ צוויי־שטאָקיגע בארג־אידישע „סעמיליעטקע" (זיבן יאָריגע שול) — קלאַסן, קאַבינעטן, צימערן פאַר די לערער.

צוזאַמען מיט׳ן בריוו האָט חזקיה באַקומען פון זון אַ פאָטאָגראַפיע.

חזקיה לאַכט. די פאָטאָגראַפיע גייט איבער פון האַנט צו האַנט — צו אַלע פינף מיטגלידער פון דער משפחה. אַלע באַקוקן זי אַבער און ווידער, קאָנען גאָר זיך זאַט ניט אָנקוקן, צאַצקען זיך מיט איר און זיפצן. די פרויען זיינען אפילו גרייט צו פאַרלירן דערביי אַ טרער. דער בכור. לערנט זיך גוט. און — קוקט־אויס צו זיין אַ אַ יונג מיט ביינער, אַ העלדישער יאַט.

דער גליקלעכער חזקיה שעמט זיך גאָרניט פאַר מיר, קושט די פאָטאָ־גראַפיע.

זבולון! אַ קלוגער קאָפּ! וויים ווי צו דערפרייען אַ טאַטעס האַרץ. ער איז אָפּגעפאָרן קיין לענינגראַד אין אַרויסגעלאָזענע הויזן, אין אַן אַלט פעלצל. און דאָ — ער איז דאָך פאָטאָגראַפירט אין אַ דזשיגיטקע (קאָוו־קאַזער רייטער־קאָסטיום). דאָרטן אין לענינגראַד, ווי דאָ אין דערבענט, האָט דער זון אין דער אמת'ן ניט געהאַט ניט קיין „טשערקעסקע", ניט קיין קינזשאַל. דאָס אַלץ האָט באַשאַפן דער פאָטאָגראַף. און דאָך — זבולון טראָגט זיך אויף אַ שיינעם רייט־פערד. נאָר ווען איר קוקט זיך אויפמערקזאַם צו קאָן מען זען, אַז זיין קאָפּ איז אַריינגעשטעקט אין דעם אויסגעשניטענעם לייוונט מיט'ן אָנגעמאָלענעם גאַלאָפּירנדיגן פערד.

חזקיה איז געפאָרן צום זון צוגאַסט. דאָס איז אַזוי געווען. ער האָט געפירט אַ וואַגאָן וויינטרויבן פאַר די אַרבעטער פון דעם זאַוואָד אויף סטאַלינ'ס נאָמען. טויזנטער קילאָמעטערס איז חזקיה געפאָרן קיין מאָס־קווע. די שטאָט האָט אים פריטשמעליעט מיט אירע גאַסן, רעש, נאַכט־ליכטיגקייט; נאָר מער פון אַלץ מיט אירע מענטשן. אָך, וואָס פאַראַ וואונ־דערלעכע מענטשן זיינען עם די סטאַלינצעס, ווען ער האָט געבראַכט אַ וואַגאָן מיט די בעסטע וויינטרויבן! ער איז געווען גרייט זיך צעוויינען פון פרייד, וואָס עס זיינען פאַראַן אויף דער ווייסער וועלט אַזעלכע מענטשן.

פון מאָסקווע איז ער צוגעפאָרן צום זון.

ער האָט גערעדט מיט די לערער, אויסגעפונען ווי זיין זון לערנט זיך. גוט!

חזקיה האָט די פאָטאָגראַפיע צוריק אַריינגעשטעלט אין דעם רעמל און פייערלעך געשוויגן.

* * *

כ'האָב גאָר אַ היפּשע צייט פאַרבראַכט ביים גליקלעכן חזקיה. ער איז געווען אַ גוטמוטיגער און זייער גאַסטפריינטלעך. ער האָט געפילט אַן אומ־געזעטיגטע באַדערפעניש זיך אַראָפּצורעדן פון האַרצן און דערציילן פון זיין לעבן ווי פון זיינע שכנים.

דערנאָך האָבן מיר זיך דורכגעשפּאַצירט איבער דערבענט — אויפ'ן אָרט פון דעם פריערדיגן „מאַגאַל". עפּעס האָט אים דאָך אַהין געצויגן, ווי דאָס וואָלט געווען אַ בית־עולם, וואו זיינע אבות זיינען באַערדיגט.

סאָוועטישע אַנטי־עראָפּלאַן באַזע לעבן נאַלטשיק

דער פלאַץ, פול מיט רישטאָוואַניעס און בוי־מאַטעריאַלן, איז געווען באַזוימט מיט אַ דראָטענעם צאַם. אויף הילצערנע מאַסט־סלופּעס האָבן געפלאַטערט פאָנען, רויטע פאָנען. שטיינערנע לייבן, מיט אונטערגעבויגענע לאַפּעס, האָבן האַלב געדרעמלט ביים אַריינגאַנג, שטאַרנדיג מיט זייערע פּוסטע אויגן אין דעם בלייענעם אַפּגלאַנץ פון ווייטן קאַספּישן ים. אין אַ ווינקל פון דעם סקווער האָט געשפּילט אַן אָרקעסטער. מענטשן האָבן גע־שמאַיעט, געלייגט שטיקער שטיין אויף וועגנער. דער „סובאָטניק" איז געווען אין פולן גאַנג און שוואונג. דער „מאַגאַל" איז אומגעקומען. נאָר די ערד איז געווען שטיינערדיג, פול מיט מיסט און אָפּפאַל.

חזקיה האָט פּינקטלעך אָפּגעזוכט זיין פריערדיגן וואוין־אָרט אָדער ריכטיגער וויין־אָרט.

מיט פינף יאָר צוריק בין איך צום ערשטן מאָל אַריינגעפאַלן אין דערבענט און ניט איין מאָל געבראָדזשעט איבער די שטיינערנע און ליים־געליעפּעטע כאַלופּעס. די אָרעמע שטיבלעך האָבן זיך ווי געטוליעט, געווען ווי צוזעקלעפּט איינע צו דער אַנדערער. מען האָט ניט געקאָנט באַמערקן, וואו עס הויבט זיך אָן איינס און עס ענדיגט זיך דאָס אַנדערע.

איצט, קוקנדיג אויפ'ן פּלאַץ, איז שווער געווען צו גלויבן, אַז אויף אַזאַ שמאָלן שטח זיינען געשטאַנען הונדערטער וואוינונגען און אין זיי האָבן יאָרצענדליגער אויך געוואוינט טויזנטער מענטשן.

איבער'ן פּלאַץ, איבער'ן צוקונפטיגן פּאַרק האָבן זיך שנעל דורכגע־טראָגן פוכקע וואָלקנס. זיי זיינען אוועק אין די בערג, וואו עס האָט זיך נאָך אויפגעהאַלטן דער שניי. זיי האָבן זיך געטראָגן איבער דער ריזיגער פעסטונג פון די צייטן פון די סאַסאַנידן, וואָס האָבן אין זייער שיקזאַל געהאַט ניט ווייניג געמיינשאַפטלעכעס מיט'ן „מאַגאַל". אויך די פעסטונג איז איצט געווען אַן אָרט פון פאַרווײַלונג און אָפּרו.

דער גליקלעכער חזקיה, דער צייט־מענטש פון מאַגאַל'ס צעשטערונג, האָט געוואַנדערט מיט געמאָסטענע טריט איבער'ן צוקונפטיגן פּאַרק, איבער די שוין־אָנגעצייכנטע אַלייען, און אָנגערופן נעמען פון קאָלווירטניקעס, זייערע פרויען, קינדער. זייער שיקזאַל איז געווען מערקווירדיג און גלייכ־צייטיג טאָג־טעגלעך.

אַמאָל האָט דער „מאַגאַל" געשווייבלט מיט מענטשן אָן פאַכן און פּראָפעסיעס, מענטשן אָן אַרבעט, לופט־מענטשן, און ווי זיי האָט זיך גע־דוכט, מענטשן אָן אַ צוקונפט. אַ סך האָבן זיך באַשעפטיגט מיט קליין־האַנדל, פאַרקויפט אויפ'ן מאַרק די טשורעק־קוכנס, געבאַקענע בארן. אַ צאָל האָבן זיך דורכגעשלאָגן אַביסל חיונה פון איין קורצווייליגער אַרבעט ביז דער צווייטער. אַנדערע האָבן געטרוימט פון אויסוואַנדערונג. און געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן ניט געקענט פאַרגעסן די פאַרלאָזטע

אאולן. ביים װענדן די בליקן צו די בערג, האָבן זיי מיט אַ ציטערדיג שטים אָנגערופן דעם אַלטערטימלעכן אאול „אבא־סבא“ (דאָס האָט אויף העברעאיש געמיינט: זיידעס־עלטער־זיידעס); אָט וואו עס איז געווען אַ לעבן; פון דאָרטן האָט מען עס צומערשטן ארויסגעטריבן די באַרג־אידן אין דער פאַרשאָלטענער געטאָ — „מאגאל“.

זיינען אָנגעקומען, זיינען געגאַנגען סאָוועטישע יאָרן, און מענטשן האָבן זיך אומגעקערט אין די אייגענע אַלטע אאולן; געקראָגן ארבעט אויף די פאבריקן און זאַוואָדן אין דערבענט, מאכאטש־קאַלע און באקו; אָרגאַניזירט וויינגערטנער, וויין־אויסאַרבעטנדיגע, פיש־פאַנגערישע קאָלווירטן, לעדער־ארטעלן. די גאָרצעס (באַרג־מענטשן) זיינען געגאַנגען אין וואָלשפינער זאַוואָד, אין די טריקאטאזש־וואַרשטאַטן. פון יאָר צו יאָר האָט זיך דער גאַנג געהאַלטן אין פאַרשטאַרקן און אויסברייטערן. און ווען דער „מאגאל“ איז פאַרשוואונדן פונדעם פּנים פון דער ערד, האָט מען צווישן זיינע געוועזענע תושבים ניט געקענט געפינען קיין איין מענטשן אָן אַ פּראָפעסיע, קיין איין מענטשן אָן ארבעט, קיין איין ליידיקגייערישן באַרג־מענטש, קיין איין „לופט־מענטש“ (אויסער אפשר די וואָס האָבן אויסגעקליבן לופט־פּליעריי אַלס זייער פּראָפעסיע).

קאַווקאַזער רייטער אויף אַ פּאַראַד אין מאָסקווער רויטן סקווער

גרוזינישער שיר השירים

אַן אומגעוויינלעכן אויפשטייג האָט דערגרייכט אונטער דער סאָוועטן־מאַכט די נאַציאָנאַל לויט איר פאָרם און סאָציאַליסטיש לויט איר אינהאַלט קולטור און ליטעראַטור פון די פעלקער פון דער זאַקאַווקאַזער סאָציאַליסטישער פעדעראַטיווער סאָוועטישער רעפּובליק. פון 26 פּראָצענט גראַמעטנע פאַר דער רעוואָלוציע איז די ציפער געשטיגן ביז 90 פּראָצענט אין יאָר 1933 און ביז נאָענט פון די פולע הונדערט פּראָצענט אין 1940.

ס'איז פאַרווירקלעכט געוואָרן אַלגעמיינע בילדונג אין די מוטער־שפּראַכן פון דער באַפעלקערונג. בלויז אין דער אַזערבײַדזשאַנער רעפּובליק אַליין מיט אַ באַפעלקערונג פון אַרום דריי מיליאָן ווערט דער אונטערריכט אין די שולן געפירט אויף 15 פאַרשיידענע שפּראַכן.

אין קאַווקאַז איז פאַר דער רעוואָלוציע ניט געווען קיין איין הויכשול. אין 1940 זיינען שוין געווען אַרום 50 (ערשט אין 1928 זיינען נאָך געווען בלויז 10). די צאָל טעכניקומען איז אויסגעוואַקסן ביז העכער 300 (אין 1928 בלויז 95). דאָרטן זיינען אויך פאַראַן אָדער געווען וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישע אינסטיטוטן און אַנדערע אַקאַדעמישע אַנשטאַלטן.

אין 1913 זיינען איבער גאַנץ קאַווקאַז דערשינען 7 צייטונגען (כמעט אַלע אין דער רוסישער שפּראַך) און אין 1933 זיינען שוין דערשינען 319 צייטונגען אין די שפּראַכן פון די אָרטיגע פעלקערשאַפטן מיט אַ צירקולאַציע פון אַנדערהאַלבן מיליאָן עקזעמפּלאַרן אַ טאָג (60 מאָל מער ווי אין 1913), און זינט דעמאָלט זיינען די ציפערן נאָכמער געשטיגן.

אַ גרויסן אויפבלי האָט דורכגעלעבט אין קאַווקאַז אונטער דער סאָוועטן־מאַכט די קינסטלערישע ליטעראַטור און דער טעאַטער. צום פאַרבאַנד פון סאָוועטישע שרייבער געהערן אַזעלכע אויסגעצייכנטע שרייבער, ווי דזשאַוואַראַשווילי, טאַראַשעלידזע, עאולי (גרוזיע), שירוואַן־זאַדע, סימאַניאַן, אַלאַזאַן, אַקאָפּאַקאָפּיאַן (אַרמעניע), וואַורגון, אַלעקבערלי, דזשאַבאַרלי (אַזערבײַדזשאַן).

קולטור און ליטעראַטור

די רוסישע קיסרים האָבן געהאַט אַ באַרבאַרישן מנהג, צו פאַרשיקן די בעסטע פּאָעטן אויף קאַווקאַז. נאָר אַנשטאַט אַ געפענגעניש, איז קאַווקאַז פאַר זיי געוואָרן אַ קוואַל פון באַגייסטערונג. אויף

אזא אופן זיינען די גרעסטע נעמען אין דער רוסישער ליטעראַטור ווי פּושקין, לערמאַנטאַוו, גראַף ליעוו טאָלסטאָי, א. גריבאָיעדאָוו, א. מאַרלינסקי און מאַקסים גאָרקי אויף אייביג פאַרבונדן מיט גרוזיע. זיי האָבן פאַר־אייביגט די מענטשן, טייכן, בערג פון דער גרוזינישער קאַווקאַז אין גע־ניאַלע ווערק.

פון פּושקינ׳ס באַרימטסטע ווערק וועגן קאַווקאַז זיינען: די פּאָעמע „קאַווקאַזקי פּליענניק״ (דער געפאַנגענער פון קאַווקאַז), דאָס ליד „קאַווקאַז״ און די רייזע־באַשרייבונגען „די רייזע קיין ערזערום״. אין קאַווקאַז, וואו ער האָט געדינט אַלס אָפיציר אין דער רוסישער אַרמיי, האָט לערמאַנטאָוו אָנגעשריבן זיינע באַרימטע פּאָעמעס „דעמאָן״ און „מצירי״. אין 1840 איז אָפּגעדרוקט געוואָרן לערמאַנטאָוו׳ס „געראָי נאַשעוואָ ווּרעמעני״ (דער העלד פון אונזער צייט), דאָס באַרימטע ווערק אין פּראָזע וועגן קאַווקאַז, וואו ער איז צו 27 יאָר דער׳הרג׳עט געוואָרן אין אַ דועל אין פּיאַטיגאָרסק.

איז דען פאַראַן אַ סך שרייבער פון ביכער וועגן קאָלאָניאַלע לענדער, וואָס זאָלן זיך דערהויבן צו אזא פּאַטאָס פון מיטגעפיל צו אונטערדריקטע פעלקער און האַס צו די פאַרשקלאַפער און אימפּעריאַליסטן, ווי דאָס האָט געטאָן טאָלסטאָי אין „כאַדזשי מוראַט״? (אגב האָט לערמאַנטאָוו׳ס ערשט־געדרוקט ווערק אין 1835 געהייסן „כאַדזשי־אַבּרעק״ און געשילדערט אַ קאַווקאַזער קריגער אָדער בראָדיאַגע).

און דער גרויסער טראַדיציאָנעלער אינטערעס פון דער רוסישער לי־טעראַטור צו גרוזיע איז נאָכגעפאָלגט געוואָרן פון דער סאָוועטישער ליטע־ראַטור. אויף מאַטעריאַלן פון קאַווקאַז האָבן געשריבן כמעט אַלע סאָווע־טישע שרייבער, די אידישע אַריינגערעכנט. איך וויל דאָ בלויז דערמאָנען, אַז אויף גאָרקי׳ס איניציאַטיווע איז אָפּגעשיקט געוואָרן קיין גרוזיע נאָך אין 1933 אַ בריגאַדע פון סאָוועטישע שרייבער מיט אַזעלכע באַרימטע נעמען ווי באָריס פּאַסטערנאַק, ניקאָלאַי טיכאָנאָוו, פּ. פּאַוולענקאָ, יו. טי־ניאַנאָוו, אָלגא פאָרש, וויקטאָר גאָלצעוו. אַ דאַנק דער בריגאַדע איז מעגלעך געוואָרן די דערשיינונג פון אַ מאָנומענטאַלער אַנטאָלאָגיע פון דער גרוזינישער פּאָעזיע, אָנהויבנדיג פון 5טן יאָרהונדערט ביז די היינטיגע טעג, אַריינגערעכנט די בעסטע ווערק פון דער פאָלקס־פּאָעזיע פון אַזעלכע גרוזינישע ראָמאַנטיקער ווי באַראַטאַשווילי, טשאַווטשאַוואַדזע, אַרבעליאַני, אין דער איבערזעצונג פון די גרעסטע מייסטערס פון דער סאָוועטישער פּאָעזיע.

אָבער אויך די אַרמענישע קולטור און ליטעראַטור געהערט צו די עלטסטע פון דעם מזרח.

אַן ענלעכן פאַרדינסט האָט פאַר דער אַרמענישער פּאָעזיע געהאַט

וואלערי בריוסאָוו, וואָס האָט צונעגרייט און אַרויסגעגעבן דאָס בוך „די פּאָעזיע פון ארמעניע". דורך אַ דעקרעט פון דער סאָוועט־רעגירונג איז בריוסאָוו אין טאָג פון זיין יובילייַ אין מאָסקווע דערקלערט געוואָרן אַלס פאָלקס־שרייבער פון ארמעניע. אַזאַ סאָרט אַנערקענונג איז, דוכט זיך, דער ערשטער פאַל אין דער גאַרער וועלט.

אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז באַזונדערס אין דעם לעצטן יאָרצענדליק פּאָפּולאַריזירט געוואָרן דער גרוזינישער „שיר השירים", דאָס ליד פון אַלע לידער, די ריזיגע באַרימטע קלאַסישע פּאָעמע פון שאָטאַ רוסטאַוועלי „וועפכים טקאַאָ־סאַני" (דער אויסגעקליידטער אין טיגער־פעל). די פּאָעמע איז פון דעם גרוזינישן דיכטער אָנגעשריבן געוואָרן צווישן די יאָרן 1196 און 1207. זי איז איינע פון די גרעסטע דענקמעלער און גענ׳אַלע ווערק פון דער וועלט־ליטעראַטור. אין די לעצטע 755 יאָר איז די פּאָעמע פון רוסטאַוועלי פאַרבליבן דאָס סאַמע געלייענטסטע פאָלקס־בוך פון גרוזיע, די ביבל פון די גרוזינער.

אין דעם יאָר 1937 האָט דאָס גאַנצע סאָוועטנלאַנד געפייערט דעם 750־יאָריקן יובילייַ פון גרעסטן גרוזינישן פּאָעט שאָטאַ רוסטאַוועלי, דעם שעפער פון דער אומשטערבלעכער פּאָעמע „דער גיבור אָדער דער אויסגע־קליידטער אין אַ טיגער־פעל". די דאָזיגע פּאָעמע איז בלויז אַ דאַנק דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון דער סאָוועטן־מאַכט, געוואָרן דאָס אייגנס פון אַלע סאָוועטישע פעלקער. זי איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף די שפּראַכן פון די סאָוועטישע פעלקער, אריינגערעכנט אידיש. און דער גרויסער שעפער אירער קריגט זיין באַרעכטיגט אָרט צווישן די דיכטערישע געניעס פון דער מענטשהייט. דאָ דרוקן מיר אַ גרעסערן מוסטער־אויסצוג פון דער פּאָעמע אין דער איבערזעצונג פון דעם סאָוועטישן דיכטער כאַש־טשעוואַצקי:

איך באַדאַרף אַ האַרץ מיט פייער, ווערטער פול מיט מאַכט און
גלויבן,
קומט דערמאָנונגען, איך העלע, און דעם וועג פאַר מיר באַשיינט,
כ'וויל זינגען טאַריעל'ן, איבער וועלט כ'וויל אים דערהויבן,
כ'וויל באַזינגען דריי גיבורים, האַרציק־טרייע גוטע־פריינט.

ווייַנט־זשע ניט אָף טאַריעל'ן, אָף די גרויסע זיינע שמאַרצן,
ווי דער טויט איז שטאַרק זיין ליבע, ווי די ליבע גרויס זיין ווײ,
איך, דער זינגער רוסטאַוועלי, מיט דער שפּיז פון פײַן אין האַרצן,
אַלטע מעשיות אָנגעצילעט ווי די פּערל האָב איך זיי.

האָסטו ליב, באַדאַרפסטו שיינען, ווי די זון מיט שטראַלן גלעטן,
זיין אי פלינק, אי דרייסט, אי מעכטיג און מיט שיינקייט העל צעבליט,

קלוג און מילד זיין און געדולדיג און דער ערשטער אין געווען,
אויב דו האָסט ניט אָט־די מעלות, ביסטו דאָך קיין ריטער ניט.

ליבע איז אַ סוד אַ גרויסער, ס׳ווייסן פון איס נאָר באַגליקטע,
דאָס איז קרובות פון נשמות, ניט קיין פלאַס, וואָס באַלד פאַרגייט.
ס׳איז פאַראַנען לוסט און ליבע, צווישן זיי אַן אָפּגרונט ליגט דאָ.
ווילסט דעם אונטערשייד דערקענען, הער זיך צו צו מיינע רייד.

האָסטו ליב, איז זיי באַשטענדיג, מוזטו גלוסטונגען פאַרמיידן,
און צעשיידונג איבערטראָגן דאַרף דיר אויכעט קלעקן קראַפט.
דאַרפסטו זיין געטריי דער איינער, קאָנען דולדן, קאָנען ליידן, —
איך האָב פיינט פאַרשייטע גלוסטן און די גראָבע ליידנשאַפט.

ריידערייען, שפּילערייען, דאָס איז ניט קיין עכטע ליבע,
ליבן איינע און אַ צווייטע און דערנאָכדעם זיך צעשיידט —
דאָס איז מער ניט גענוג באַקאַנטע, דאָס איז יוגנטלעכער פיבער,
ליבן הייסט, די וועלט מיט פלאָגן זיין אָף זיך צו נעמען גרייט.

ליבן הייסט, צו קענען ליידן, גאַנצע נעכט ניט שלאָפן קענען
און דעם אָנבליק פון דער ליבע היטן לאַנג אין בייזע טעג,
ווייגען שטיל ביז דול צו ווערן, ווי אין העליש פייער ברענען,
און ניט שרעקן זיך פאַר הערשער, נאָר פאַר איר צו פילן שרעק.

ליבן הייסט, די לייד פאַרטראָגן און די ליבע ניט אַנטפּלעקן,
די געהיימעניש פון האַרצן קיינער זאָל ניט וויסן זיין,
אַז עס זאָל קיין קלאַנג קיין מינדסטער דיין געליבטע ניט פאַרפלעקן,
ברענענדיג אין פלאַם פון ליבע, ווי אַ פרייד נעם אויף די פיין.

איך, פאַרליבטער רוסטאַוועלי, פון דער מלכה וויל דערציילן,
צו דער הערשערן דער גרויסער רוף איך אין מיין שווערער נויט.
איך בין קראַנק, נאָר קיין רפואה קאָן פון ליבע דאָך ניט היילן,
זאָל געשען מיט מיר אַ וואונדער, אָדער קומען זאָל מיין טויט.

די איראַנישע געשיכטע, ביי גרוזינער אַ פאַרהיטע,
אָט דעם דרומידיגן פערל, וואָס איז דורך אַזויפיל הענט,
כ׳האָב געזאַמלט און געגאָסן כ׳האָב אין פערזן אין געשמידטע,
אַז אַ וואָרט, וואָס שטילט די ליידן, זאָל זיך טאָן צו מיר אַ ווענד.

כאָטש פאַרבלענדט פון אירע אויגן, זוך איך אירע בליקן ווידער,
אַ פאַרמאַטערטער פון ליבע, בלאָנקע איך אין ווישטע לאַנג,
אַש מעג ווערן פון מיין קערפּער, נאָר דער גייסט דערוואַכט אין לידער,
וועגן העלדן דריי, גיבורים, וויל איך זינגען אַ געזאַנג.

וואָס דער גורל טוט באַשערן, דאַרף מען אויפנעמען אָן קלאָגן,
ס'גייט דער פויער נאָכ'ן אַקער און דער קריגער גייט אין שלאַכט,
דער פאַרליבטער זאָל אין האַרצן זיין געפיל דיין הייסן טראָגן,
פרעמדע ליבע זאָל געשעצט זיין און די אייגענע באַוואַכט.

*   *   *

גאָב פון לידער איז אַ חכמה, דאָס איז הערשאַפט פון געזאַנגען,
סודות געטלעכע טוט מעלדן אונז דעם זינגעריס קול אַליין.
ס'איז אַ גרויסע פרייד די ריטמען פונים לידער־שטראָם צו פאַנגען,
ברייטקייט פון געדאַנק פאַרפרעסן אין א קורצן פערז איז שיין.

פאַר אַ פערד — דער פּרוואוו דער בעסטער — יאָגן איבער בערג און לאָנען,
און אַ שפּילער דאַרף די באַלן אינים ציל צו טרעפן וואויל,
אָבער דיכטער דאַרף קענען, ווי די פערד — די פערזן שפּאַנען,
אַז ס'זאָל דאָס ליד ניט פאַלן, ס'זאָל דער פערז ניט קריכן פויל.

נעמט דעם דיכטער, וואָס זיין כוח ווערט שוין אָפּגעשוואַכט אַ ביסל,
ווען עס פעלן אויס אים ווערטער, און דער גראַם טוט אָפּט א הינק,
זאָל ער בעסער שווייגן דעמאָלט, אָדער גאָר די ליר פאַרשליסן,
ווי דער שפּילער דער געשיקטער צו דעם ציל זאָל קומען פלינק.

יענער איז נאָך ניט קיין דיכטער, וועמען ס'האָט זיך איינגעגעבן
אַ פּאָר שורות צוצוקלייבן, וועלכע זיינען גאָרניט ווערט,
אַ פּאָר צאַצקעדיגע גראַמען אויסגעפונען אין זיין לעבן,
מעג ער רעווען ווי אַן אייזל: „כ'בין דער גרעסטער אויף דער ערד".

דיכטער אַנדערע פאַראַנען, צו דער קונסט פון ליד ניט טויגן,
אין די הערצער פון די מענטשן זייער וואָרט־פייל ניט דערלאַנגט,
ווי אַ שיסער ניט קיין פלינקער גנב'עט זיך מיט פייל־און־בויגן,
שרעקט אליין זיך פאַר אַ חיה, פרייט ער זיך מיט קליין־געפאַנג.

און פאַראַן אַ מין אַ דריטער, זינגען לידער זייער גערן,
זייער ליד פאַרווילט אויף שמחות, זי איז פריילעך און פאַרשאַרפט,
אויב זי האָט א שטיקל זינען, איז זי אָנגענעם צו הערן,
נאָר א דיכטער איז בלויז יענער, וואָס א וויכטיג ווערק באַשאַפט.

ווער עס ווייסט פון מי און ליידן, יענער איז אַן עכטער דיכטער,
אין זיין האַרץ טראָגט ער איינע, און דער איינער אַלס געשאַנק
גיט ער אָפּ די שאַפונגס־קראַפטן, אַלע פּרעכטיגע געשיכטעס,
אַלע טרוימען און געדאַנקען און פון סטרונעס דעם געקלאַנג.

הערט־זשע, ווי איך זינג היינט ווידער פאַר איר רוס און פאַר איר
ערע.
צו דעם העלדנטאַט פון דיכטן בין איך גרייט, ווי צו אַ שלאַכט,
די, וואָס שאַפט איבער מיין לעבן, זי איז בייז ווי אַ פּאַנטערע,
נאָר איר גרויסקייט אין די דורות אויפצוהויבן כ׳האָב פאַרטראַכט

כ׳זינג פון ליבע הימל־ריינער, וועגן הויכן דראַנג פון גייסטער,
וואָס מיט ווערטער ניט באַזינגען און מוזיק פאַר איר איז קאַרג.
גליקלעך ביסטו, גורל מיינער, צו די רוימען טראָג מיך דרייסטער,
נאָר דאָס גליק אַף צו געניסן, דאַרף מען גרייט זיין ליידן שטאַרק.

אַזאַ ליבע וועט דאָ קיינער חוץ פאַרליבטע ניט באַנעמען,
וועט אַ חכם פון איר הערן, וועט ער אויך זיך גלויבן קוים,
און אַ מענטש, וואָס גלוסט, באַגערן אין די בלוטן זיינע ברענען,
אַזאַ ריין־ליבע צערטלט, ווי אַן אומדערגרייכטן טרוים.

אַף אַראַביש — אַ „פאַרליבטער" און אַ „דולער" איז דאָס זעלבע,
אַ פאַרליבטער — אַ שלים־מזל ווערט דאָך דול פון ליבע אַזש.
האָסטו ליב, פליט דיין נשמה צו די הימלישע געוועלבן,
האָסטו נישטיגע באַגערן, ווערסטו דעמאָלט פשוט אַש.

כ׳האָב אויסגעקליבן דעם אויסצוג, ווייל דאָ רעדט זיך דער עיקר וועגן ליבע אָדער פרויען, פון די צענטראַלע טעמעס פון דער פּאָעמע, און וועגן רוסטאַוועלי׳ס קוק אויף פּאָעטן און פּאָעזיע, אויף קונסט און קינסטלער. די שורות וועגן ליבע דערמאָנען אָן שיר השירים. איר טרעפט אַזעלכע אויסדרוקן, וואָס זיינען טיפּיש שיר־השירים׳דיג. צום ביישפּיל, „ווי דער טויט איז שטאַרק זיין ליבע, ווי די ליבע גרויס זיין וויי". רוסטאַוועלי שטרייכט אָבער אונטער באַלד אין אָנהייב, אַז דער עיקר איז ביי אים „אַ האַרץ מיט פייער, ווערטער פול מיט מאַכט און גלויבן", אַז „ס׳איז פאַראַנען לוסט און ליבע, צווישן זיי אַן אָפּגרונט ליגט דאָ". רוסטאַוועלי לייגט אַריין אין ליבע אַ סאָציאַלן אינהאַלט: „פרעמדע ליבע זאָל געשעצט זיין און די אייגענע באַוואַכט"; „ליבן הייסט, די וועלט מיט פלאַגן זיין אויף זיך צו נעמען גרייט"; „ליבן הייסט, צו קענען ליידן . . . און ניט שרעקן זיך פאַר הערשער..."

אומגעוויינלעך אינטערעסאַנט איז אויך רוסטאַוועלי׳ס קוק אויף „דער גאָב פון לידער": „פּאָעזיע איז קודם כל אַ געביט פון חכמה. איר געטלעכן אינהאַלט דאַרף מען אויפנעמען מיט יראת הכבוד, מיט ער־פורכט... דעם ברייטסטן געדאַנק קאָן מען איבערגעבן קורץ, אָט פאַרוואָס די פּאָעזיע איז פראַכטפול". „ברייטקייט פון געדאַנק פאַרפּרעסן אין אַ קורצן פערז איז שיין." דאָס דערמאָנט אונז דעם באַרימטן כלל פון פּלאַ־

בער׳ן, אַז אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור דאַרף מען זען, אַז פאַר די געדאַנקען זאָל זיין געראַם, אָבער פאַר די ווערטער זאָל זיין ענג...

רוסטאַוועלי רעדט וועגן דער שאַפונגס־פרייד. ער רעדט וועגן „קיפּינג דהי אים אָן דהי באָל", ווי די אַמעריקאַנער זאָגן, דער דיכטער, ווי אַ שפּי־לער דאַרף מיט די באַלן טרעפן אין ציל. ציל־געוועגדקייט רופט מען דאָס אויף׳ן מאָדערנעם לשון אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. ער זאָגט אויך, אַז „דער דיכטער דאַרף קענען, — ווי די פערד — די פערזן שפּאַנען", אַן אָנווייזונג אויף טעכנישער מייסטערשאַפט, אָדער קוואַליטעט אויף׳ן מאָדערנעם לשון, אַז „ס׳זאָל דאָס ליד ניט פאַלן, ס׳זאָל דער פערז ניט קריכן פויל". ער לאַכט אויס די גראַמען־פלעכטער און הייסט זיי בעסער „שווייגן און די ליר פאַרשליסן". ער פאָדערט אויך „זינען", אינהאַלט, אידייאישקייט אין פּאָעזיע. און דער עיקר — גרויסן פאַרנעם און פאַרמעסט, וויכטיגע ווערק „נאָר אַ דיכטער איז בלויז יענער, וואָס אַ וויכטיג ווערק באַשאַפט", „דניעפּראָסטראַיען פון ליטעראַטור און קונסט", ווי עס וואָלט זיך אויס־געדריקט אַ סאָוועטישער פּראָלעטאַרישער קריטיקער.

רוסטאַוועלי ווייסט אויך, אַז „ווער עס ווייסט פון מי און ליידן, יענער איז אַן עכטער דיכטער", „נאָר דאָס גליק אויף צו געניסן, דאַרף מען גרייט זיין ליידן שטאַרק". ער ווייסט אפילו, אַז ליטעראַטור איז ניט בלויז צו פאַרוויילן, אַמוזירן, אָפּשפּיגלען, אויפקלערן, נאָר אַז דיכטונג איז אַ מעכ־טיגע, שאַרפע שלאַכט־געווער, אַז די פען קאָן זיין אַמאָל שטאַרקער פון דער ביקס, אַז „דיכטן קאָן זיין אַ העלדנטאַט" „צו דעם העלדן־טאַט פון דיכטן בין איך גרייט ווי צו אַ שלאַכט", אַז ליטעראַטור דאַרף העלפן אי־בערמאַכן דעם מענטשן און דאָס לעבן, רעוואָלוציאָניזירן דיווירקלעכקייט, ענדערן די וועלט, „טשענדזש דהי וואָרלד". ער אַטאַקירט אויך „נישטיגע באַגערן" און השגות, אויף׳ן שטייגער פון די אידישע קלאַסיקער און אַלע גרויסע גניעס פון דער מענטשהייט.

וואָס פאַראַ טיפע, פרישע מאָדערנע געדאַנקען!

די פּאָעמע וועגן דעם גיבור אָדער ריטער אין דער טיגער־פעל איז אריינגעדרונגען אין די ברייטסטע גרוזינישע מאַסן, געוואָרן אליין אַ שטיק פאָלקלאָר און ארום דעם סוזשעט פון דער פּאָעמע האָבן זיך געשאַפן אַן אַ שיר מעשות. די אַפאָריזמען פון דער פּאָעמע זיינען אריין אין דעם אוצר פון דער פאָלקס־שפּראַך און די שורות פון רוסטאַוועלי ווערן גענוצט פון דעם פאָלק ווי שפּריכווערטער און גלייכווערטלעך.

ס׳איז באמת מערקווירדיג וואָס רוסטאַוועלי׳ס פּאָעמע האָט ביז איצט „אויפגעהאַלטן די באַדייטונג פון אַ נאָרמע און אומדערגרייכבאַרן מוסטער" אין דער גרוזינישער ליטעראַטור. ווען איר טרעט צו פאַנאַדערגלידערן די פּאָעמע וואַרפט זיך אייך קודם כל אין די אויגן די אומגעווינלעכע הויכע

ווארט־און פארם־מייסטערשאפט, וואס איז ביז איצט ניט אריבערגעשטיגן געווארן. די פאעמע איז לויט דער פארם בשום אופן ניט קיין פאלקס־שאפונג, נאר זי פארקערפערט די העכסטע מדרגה פון פאעטישער קולטור.

מיר האבן שוין אויך געזען, אז רוסטאוועלי'ס קוק אויף קונסט און קינסטלער איז פון די סאמע מאדערנסטע. פון די געבראכטע פערזן איז אויך קענטיק, אז אין רוסטאוועלי'ס צייט איז געווען אקטיוו א גרויסע גרופע פאעטן, אבער פון פארשיידענער קינסטלערישער גרויס און באגאבונג.

רוסטאוועלי'ס פאעמע שטעלט מיט זיך פאר אן אייגנארטיגער פראדוקט און סינטעז פון גײַסטיקע? —

רוסטאוועלי'ס פאעמע שטעלט מיט זיך פאר אן אייגנארטיגער פראדוקט און סינטעז פון געגנזייטיגן איינפלוס פון צוויי קולטורן — פון מזרח און פון מערב. דער קולט פון דער פרוי אין דער פאעמע האט א סך געמיינזאמעס מיט דער פאעזיע פון די טרובאדורן אין מערב־אייראפע. די פרויען אין רוסטאוועלי'ס פאעמע — נעסטאן־דארעזשאן, טינאטין, פאטימאן זיינען גאר אנדערע ווענס ווי די מאכמעדאנישע מזרח־פרויען. די פרויען ביי רוסטאוועלי זיינען לעבעדיגע מענטשן, אנדערש פון דער קערפערלאזער אידעאליזאציע און מיסטיציזם, וואס מיר געפינען אפילו ביי דאנטע'ן. און ס'איז באמת מאדנע, וואס די אזויגערופענע „רענעסאנס"־באוועגונג האט אין גרוזיע געשלאגן ווארצלען נאך מיט עטלעכע יארהונדערטער פריער ווי אין מערב־אייראפע.

רוסטאוועלי האט ארויסגעוויזן אין דער פאעמע א טיפע באקאנטשאפט מיט דער אנטיקער פילאזאפיע פון מערב. ער ציטירט פלאטאנ'ען און מיט פלאטאנישן גייסט זיינען דורכגעדרונגען א סך שטעלן אין זיין פאעמע, אריינגערעכנט די געבראכטע פערזן וועגן ליבע. ער האט גלייכצייטיג באוויזן אין דער פאעמע א טיפע באקאנטשאפט מיט'ן מזרח. איר געפינט אויך איינפלוסן פון פערסישע, אראבישע און אראביש־אידישע דיכטער, ווי פירדאאוסי, גורגאני, ניזאמי, אבן־עזרא.

די פאעמע איז דורכגעדרונגען מיט א קאסמאפאליטישן וועלט־גייסט, פריי פון נאציאנאלער איינגעשלאסנקייט. צווישן די העלדן געפינט איר מענטשן פון פארשיידענע פעלקער און לענדער. רוסטאוועלי'ס שאפונגען טראגן אויף זיך ניט קיין שטעמפל פון דער מיטלאלטערלעכער קריסטלעכער אידעאלאגיע, וואס איז באמת א וואונדער. זיין רעליגיעזער קולט איז ניט קיין קריסטלעכער און ניט קיין מאכמעדאנישער, נאר אן אייגנארטיגע פילאזאפיש־רעליגיעזע וועלט־אנשויאונג, וואס פארגעטערט די זון. ס'איז שווער צו זאגן פון וואנען עס שטאמען די ווארצלען פון דער אנשויאונג.

צום ביישפיל, אין א בריוו פון דער העלדין פון דער פאעמע נעסטאן־דארעזשאן צו איר געליבטן טאריעל'ן שרייבט זי אים: „בעט גאט פאר מיר (נאך איר טויט)... איך וועל ארויפלויפן און דערגרייכן מיין פארלאנג,

טאָג און נאַכט וועל איך הנאה האָבן פון דעם גלאַנץ פון די שטראַלן פון דער זון. די זון קאָן ניט זיין אָן דיר, ווייל דו ביזט א טייל פון איר... דאָרטן (אין דער זון) וועל איך דיך דערזען, וועל פּרובירן זיין גלייך צו איר, און דו וועסט באַלייכטן מיין פאַרפינצטערט הארץ, און אויב מיין לעבן איז געווען ביטער, טאָ זאָל מיר זיין זיס דער טויט".

מיר פעריזענלעך דערמאָנט די זון־רעליגיע אָן דעם רמב"מ'ס פאָר־שטעלונג וועגן עולם הבא און לעבן נאָכ'ן טויט אין דער פאָרמולירונג: „צדיקים יושבים ועטרותיהם בראשיהם ונהנין מזיו השכינה". דאָס איז אויך א מין סאָליאריזם, א פילאָזאָפיש־רעליגיעזער זון־קולט. אָבער דאָס איז בלויז א „האַנטש", א השערה. דער ענין דאַרף גרינטלעך אויסגע־פאָרשט ווערן.

בכלל קאָנען מיר זיך דאָ ניט פאַרנעמען מיט אן אויסשעפנדיגן אנאַ־ליז אָדער קריטיק פון רוסטאַוועלי'ס פאָעמע, ווי פון דער גרוזינישער, אַר־מענישער און אַנדערע רייכע קולטורן און ליטעראַטורן פון קאַווקאַז. ביים דערמאָנען רוסטאַוועלי'ס פאָעמע האָב איך בלויז ניט געקענט גובר זיין דעם יצר הרע (אָדער יצר טוב) פון מאַכן געוויסע אַלגעמיינע באַמערקונגען וועגן דער מערקווירדיגער שאַפונג פון דעם געניאַלן רוסטאַוועלי.

גרוזיע האָט געהאַט דאָס גליק צו האָבן ארויסגעגעבן א סך געניאַלע דיכטער און שריפטשטעלער. ס'איז גענוג אָנצורופן אַזעלכע נעמען, ווי רוסטאַוועלי, גוראַמעשווילי, וואַזשא פּשאַוועלא, יאַהאַן און אָבערליאַני. די גרוזינישע ליטעראַטור רעכנט זיך פאַר איינער פון די עלטסטע ליטעראַ־טורן אויפ'ן מזרח. גרוזיע אָדער קאַווקאַז איז אָבער געווען נאָכמער גליק־לעך, ווייל ניט נאָר האָט זי געהאַט א רייכע פאַרגאַנגנהייט, נאָר איר קולטור־שאַפן איז ניט איבערגעריסן געוואָרן, ניט געקוקט אויף די קאַטאַסטראָפישע זיגזאַגן פון איר געשיכטע. די קולטור פון גרוזיע האָט זיך באַזונדערס העכ פאַנאַנדערגעבליט אונטער דער סאָוועטן־מאַכט. ס'איז גענוג דער פאַקט, אז אין גרוזיע אליין האָט מען ארויסגעגעבן מער ביכער ווי אין אַלע מלוכות פון דעם נאָענטן מזרח. די גאַסטראָלן פון דעם גרוזינישן רוסטאַ־וועלי־טעאַטער פון טיפליס אויף דער אַלפאַרבאַנדישער אָלימפּיאַדע אין מאָסקווע, אין 1934, צום ביישפּיל, זיינען אויפגענומען געוואָרן מיט דער גרעסטער באַגייסטערונג, ניט נאָר פון די גרעסטע סאָוועטישע קינסטלער און קריטיקער, נאָר אויך פון די אויסלענדישע.

צוקער־היטלען און ווייסע יאַרמולקעס

פאַר מיין ארבעט אין דעם קיעווער אינסטיטוט פאַר אידישער קולטור בין איך אין אויגוסט 1934 פּרעמירט געוואָרן פון דער אוקראַינישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע מיט א רייזע פון דריי וואָכן צייט איבער קאַווקאַז לויט'ן מאַרשרוט אָרדזשאָניקידזע, טיפליס, באַטום און איבער דער אַזוי־

גערופענער „וואיענא־גרוזינסקאיא דאראגא" (גרוזינישער מיליטער־וועג).

כ'האב געקראגן א פרייען באן־בילעט פון קיעוו ביז ארדזשאניקידזע און פון דארטן אן האב איך געדארפט באדינט ווערן פון דער „אפטע" (אר־גאניזאציע פאר פראלעטארישע טוריסטן און עקסקורסאנטן), להבדיל פון די אויסלענדישע טוריסטן, וואס זיינען באדינט געווארן פון דער ארגאני־זאציע „אינטוריסט".

כ'וועל פרואוון מיט דער הילף פון מיינע איילנדיגע רייזע־פארצייכע־נונגען נאכאמאל דורכמאכן צוזאמען מיט די לייענער דעם אינטערעסאנטן וועג, זייער בקיצור, פארשטייט זיך, און אן פרעטענזיעס אויף אויסשעפן די טעמע.

די רייזע ביז ארדזשאניקידזע האט געדויערט אנדערהאלבן טעג, ריכ־טיגער מעת־לעת. וועגן דער באן־רייזע אליין וואלט מען געקאנט א סך שרייבן. ס'איז גענוג צו זאגן, אז מיר זיינען דורכגעפארן דעם גאנצן דאניעצער קוילן־ און אייזן־באסעין, פארביי די שאכטעס און פאבריקן, פארביי די ברענענדיגע בערג מיט קוילן־אשעס און אפפאל פון אייזן־ארץ, וואס האבן אנגעזאגט אויף די אמת'ע, כאטש מיט לעגענדעס־פארשפונענע קאווקאזער בערג; דורכגעפארן ראסטאוו און דעם „שטילן דאן", וואס כ'האב שוין אביסל געקענט פון שאלאכאוו'ס בוך, דער טייך, וואס פיגורירט איצט אזוי פראמינענט אין די נייעס, די שלאכט־ליניע, וואס איז איצט גע־ווארן די פארטיידיגונג פון דעם לעבן פון מאסקווע, ירושלים, ניו־יארק, לאנדאן, ווי פון דער גאנצער ציוויליזאציע.

פון קיעוו איז געגאנגען א דירעקטע אייזנבאן־ליניע איבער ארמאוויר, פראכלאדנאיא און מינעראלניא וואדי, — דער צענטער פון דער צפון־קאוו־קאזער גרופע מינעראל־וואסער קורארטן, ווי פיאטיגארסק, יעסענטוקי, זשע־ליעזנאוואדסק, קיסלאוואדסק — ביז ארדזשאניקידזע. אבער באלד נאך ראסטאוו און לאנג פאר מינעראלניא וואדי האט מען געפילט די ענדערונג אין דער לופט, קלימאט און דער פלאנצן־וועלט. די בארג־לופט איז שווער צו אטעמען, זי איז צו־ריין פאר ניט־צוגעוואוינטע לונגען. פון די באן־פענסטער האבן זיך אונטער דער העלער זון־ליכט געזען פון א ווייטקייט פון העכער הונדערט מייל, ווי צוקער־היטלען אדער ווייסע יארמולקעס, די אייז־און שניי־באדעקטע קעפ פון די קאווקאזער בערג.

אָרדזשאָניקידזע

און אַט זיינען מיר אָנגעקומען אין דעם גרויסן צענטער פון צפון־קאווקאז אָדער אָסעטיע, אין דער אַלטער שטאָט אָרדזשאָניקידזע. דער נאָמען איז גראַד א נייער נאָכ'ן פארשטאָרבענעם פאָלקס־קאָמיסאר פון דער שווערער אינדוסטריע, וואָס איז געווען א גרוזין, ווי סטאַלין. דער אַלטער נאָמען איז וולאדיקאווקאז.



סערגאָ ארדזשאניקידזע

אָרדזשאניקידזע האָט א באפעלקערונג פון העכער 100,000. דורך דער צייט פון די 5 יאָר פּלענער איז דאָרטן באדייטנדיג אויסגעוואָקסן די פּראָדוקציע. דאָרטן האָט זיך געפונען א וואגאָן־רעמאָנט זאוואָד, א נייר־פאבריק, א סך קלענערע אונטערנעמונגען, ווארשטאטן, ארטעלן און באַל־מעלאָכעס. און די הויפּט־זאַך: דער עלעקטרישער צינק־קאָמבינאט אין דערבייאיגן סאדאָן.

אָרדזשאניקידזע מאכט אויף איך א מאָדנעם איינדרוק. אין וועלכן

טייל פון דער שטאָט איר זאָלט זיך ניט געפינען ועט איר פון אַלע זייטן הויכע בערג מיט ווייס־גרויע קעפּ אָדער קאַפּעליושן און בערד. ביי מיר האָט עס אַרויסגערופן אַ דריקנדיקן געפיל. מען פילט זיך ווי אין אַ טיפן, טיפן אָפּגרונט. די בערג קוקן טאַקע אויס ווי מיט דער האַנט צו דער־לאַנגען, נאָר ווען איר ווילט צו זיי צוקומען, דאַרפט איר גיין אַ גאַנץ היפּשן מהלך, כאָטש ניט קיין גאַנצן מייל.

דער אַלגעמיינער איינדרוק פון דער שטאָט איז פון אַלטקייט און פּרי־מיטיווקייט, נידעריקע שטיבער, פּלאַטשיקע דעכער, אויפ'ן שטייגער פון די מזרח־לענדער. בלויז די נייע רעגירונגס־הייזער און לער־אַנשטאַלטן זיינען שוין געבויט אויף אַ מאָדערנעם סאָוועטישן שטייגער. אָבער דערפאַר האָבן די איינוואוינער אויסגעקוקט עקזאָטיש, גאָר אַנדערש פון די אוקראַינער, צום ביישפּיל.

דאָ האָב איך צום ערשטן מאָל געזען די אַסעטינער און אויך גרוזינער אין זייער נאַטירלעכער היימישער אומגעבונג, אין זייערע נאַציאָנאַלע מלבושים — די בילדלעכע „טשערקעסקעס" מיט די ברייטע פּעלערינעס רייטנדיק אויף פערד אָדער אייזלען. און ווער קאָנען ניט געפעלן זייערע שיינע נאַציאָנאַלע קאָסטיומען: די הויכע קאַראַקולענע פּאַפּאַכעס מיט די קוטשמעס אויף אַ זייט, די מיליטעריש־פּאַרמיגע פּידזשאַקעס און מאַנטלען, די צוויי קוילן־טאַשן אַנגענייט אויף ביידע זייטן איבער די ברוסטן, דעם גאַרטל מיט'ן צערעמאָניאַלן קינזשאַל אין שייד. אָפט איז דער גאַרטל גע־ווען פון זילבער מיט עדלשטיינער און דאָס קינזשאַל־הענטל פון העלפאַנט־ביין אָדער אַן איידעל מעטאַל. די וואָס דינען אין מיליטער האָבן דערצו געטראָגן אַ שווערד און אַ ביקס אַריבערגעוואָרפן אויף דער פּלייצע.

און די פרויען זיינען אויך געווען זייער אַנדערש. כ'האָב נאָך דאָרטן געזען אַפילו פרויען, וואָס האָבן געטראָגן די טשאַדרא, דעם שלייער אָדער שוואַרצן שאַל אַריבערגעדעקט איבער'ן פּנים. כ'האָב אַזעלכע אויך גע־טראָפן אין טיפליס. די מערסטע פרויען אין די שטעט זיינען אָבער געווען אָנגעטאָן אין מאָדערנע ליכטיגע קליידער. ס'איז ביי מיר אויך געבליבן אַן איינדרוק, אַז אַלע גרוזינישע פרויען האָבן פאַרבראַנזעטע קערפּערס און פּנים'ער, שוואַרצע אויגן און שוואַרצע, לאַנגע צעפּ.

סאַדאָן איז אַן אינדוסטריעלער צענטער און פּראָלעטאַרישער ישוב. דאָרטן געפינען זיך שאַכטעס, פאַבריקן און זאַוואָדן פון צינק, און אויך פון בליי און אַנדערע אַזויגערופענע קאָלירטע מעטאַלן, וואָס האָבן נאָך אָנגעהויבן זייער עקזיסטענץ אונטער'ן צאַרישן רעזשים. דאָרטן זיינען אויפגעקומען די ערשטע קאַדרען פון דעם אַסעטינישן פּראָלעטאַריאַט. כמעט אַלע אָנגעזעענסטע סאָוועטישע פירער פון צפון־אַסעטיע זיינען דורכ־געגאַנגען די שול פון סאַדאָן.

אָבער בלויז אונטער'ן סאָוועטישן רעזשים, בלויז דעם פּראָלעטאַריאַט, האָבן די בערג פון סאַדאָן אַנגעהויבן אויפדעקן די אוצרות פון זייערע טי־פענישן. אין פאַרגלייך מיט'ן רייכן, קאָכיגן, ברויזנדיגן לעבן פון דעם נייעם סאַדאָן מיט דער גרויסער באַאַרבעטונג־פאַבריק אין מאזור און גי־גאַנטישן עלעקטראָצינק זאַוואָד און די איצטיגע טיפע שאַכטעס איז ביז דער רעוואָלוציע דאָרט געווען נעבעכדיגע קוסטאַרשטשינע. טויזנטער אָסעטינער גראָבן, באַאַרבעטן און באַרייכערן מיט די מיטלען פון דער נייעסטער טעכניק די קאָלירטע מעטאַלן. דערביי באַרייכערן זיי אויך זייער אייגן לעבן, זייער גייסט און קולטור.

צפון־אָסעטיע איז ביז דער רעוואָלוציע געווען אַ לאַנד פון אָרעמער לאַנדווירטשאַפט. אָבער אַ דאַנק דער סאָוועטן־מאַכט האָט זי זיך אָנגע־הויבן פאַרוואַנדלען אין אַ לאַנד פון קאָלירטן מעטאַל, אַ גאָר וויכטיגער טייל פון דער אַלפאַרבאַנדישער מעטאַלורגיע. זי גיט אַרויס ניט נאָר צינק און בליי, נאָר אפילו גאָלד און פּלאַטינום.

נאָר נאָך וויכטיגער זיינען די נייע מענטשן פון די קאָלירטע מעטאַלן, וואָס זיינען אַליין געוואָרן קאָלירפולע, פאַרביגע, פיזיש און גייסטיג רייכע מענטשן פון סאָציאַליסטישער בויאונג. און פון סאַדאָן, פון דעם קאָלירטן מעטאַל, האָט אָנגעהויבן אַרויסוואַקסן די יונגע אָסעטינער וויסנשאַפט, אַ פּרעכטיג־יונגע אָסעטינישע פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור. איינער פון די דריי וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישע אינסטיטוטן פון פאַרבאַנד איבער קאָ־לירטן מעטאַל געפינט זיך טאַקע אין אָרדזשאָניקידזע. זיין דירעקטאָר, געפין איך אויס, איז אַמאָל אַליין געווען אַ אַרבעטער אין דעם צינק־זאַוואָד.

דאָרטן האָב איך אויך געהערט דעם נאָמען פון פּראָפעסאָר מאַסטאָ־וויטש, דער גרויסער סאָוועטישער געלערנטער, אַרום וועמען עס האָבן זיך גרופּירט די יונגע וויסנשאַפטלעכע קאַדרען פון צפון־אָסעטיע. אַלס באַזעס דינען דער „ווטוז" (קאַלעדזש) און דער אינסטיטוט פון קאָלירטע מעטאַלן, וואו עס לערנען זיך 500 סטודענטן און אַספּיראַנטן פון די פאַרשיידענע פעלקערשאַפטן פון צפון־קאַווקאַז. ניט נאָר געפינט זיך נאָך צווישן די קולטור־אַנשטאַלטן אין אָרדזשאָניקידזע אַ טעאַטער, שולן און אַ גרופּע אָסעטינישע שרייבער, נאָר אפילו אין סאַדאָן, ווער איך געוואָר, געפינט זיך אַן אייגענער ליטעראַרישער קרייז מיט צענדליגער מיטגלידער.

די אָסעטינישע ליטעראַטור פאַרמאָגט אַ היפּשע גרופּע פון באַדייטנ־דיגע, טאַלאַנטפולע וואָרט־קינסטלער, אַריינגערעכנט דראַמאַטורגן און ראָ־מאַניסטן. אַ סך פון זייערע ווערק זיינען ראָמאַנטיש־היסטאָריש. די טע־מעס — דער נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערער קאַמף געגן די אונטערדריקער. די העלדן — זיינען טאַקע העלדן, קריגער, שרעקלאָזע קעמפער. די טרויע־

ריגע פאַרגאַנגענהייט הויערט נאָך איבער אַלע בערג און טאָלן און קעניאָנס פון קאַווקאַז. וועגן דעם דערציילן די קינדער ניט נאָר זיידעס, נאָר אויך פאָטערס. די אָסעטינער האָבן ליב צו לייענען וועגן קאַמף פון באַרג־מענטשן פאַר פרייהייט.

און דאָך זיינען ניט נאָר די טעמעס כאַראַקטעריסטיש פאַר דער יונגער אָסעטינער ליטעראַטור. גאָר אַ גרויסן אָרט פאַרנעמט אין דער ליטעראַטור סאַדאָן אַליין מיט די מעטאַלן־גרעבער, די סטאַכאַנאָווצעס פון די שאַכטעס און פאַבריקן, די העלדישע סאָציאַליסטישע בויער. וועגן סאַדאָן ווילט זיך זינגען! וועגן סאַדאָן ווילט זיך שרייבן אויפ'ן פאָלגנדיגן אופן:

סאַדאָן — דאָס איז אַ נייע פּאָעמע פון די בערג פון צפון־אָסעטיע.
סאַדאָן — איז די פאַרגאַנגענהייט, געגנוואַרט און צוקונפט פון צפון־
אָסעטיע.
סאַדאָן — דאָס איז אַ וואונזיניגער באַרג־טייך.
סאַדאָן — דאָס איז אַ קעניאָן, אַ שטיינערנער זאַק מיט משופּעדיגע
ווענט, אַ פלאַץ פון אומבאַשרייבלעכער שיינקייט.
סאַדאָן — דאָס איז קאָלירטער מעטאַל, די טייערסטע זשילעס,
באַהאַלטן אין די אינגעווייַדן פון די בערג.

עמבלעם פון דער ארמענישער רעפּובליק
(דער עמבלעם אויף זייט 3 איז פון דער גרוזינישער רעפּובליק)

„װאָיענאָ-גרוזינסקאיא דאָראָגא"

צװײ פֿון די װיכטיקסטע באַרג־װעגן, װאָס שנײַדן דורך קאַװקאַז אין דער ברײט, זײַנען דער אַזױגערופֿענער גרוזינישער מיליטער־װעג און דער אָסעטינישער װעג. דער בעסטער שאָסעי־װעג איז דער ערשטער. דער צװײטער, אָסעטינישער, הײבט זיך אָן בלױז 25 מײל פֿון פּראַכלאַדנאַיאַ און ציט זיך איבער הױכע באַרג־קײטן אַרום 100 מײל ביז דער שטאָט קוטאַאיס, 70 מײל אױף צפֿון־מזרח פֿון באַטום, דער אױל־פּאָרט אױפֿ'ן שװאַרצן ים.

דער גרוזינישער מיליטער־װעג — װאָיענאָ־גרוזינסקאיא דאָראָגא — הײבט זיך אָן פֿון אָרדזשאָניקידזע, 59 מײל פֿון פּראַכלאַדנאַיאַ, און ציט זיך ביז טיפֿליס, אַ שטרעקע פֿון 132 אַמעריקאַנער מײל (214 קילאָמעטער). אױף אײן פּונקט גײט דער װעג איבער אַ ספּיראַל־אַרטיקן פּערעװאַל פֿון העכער 7,000 פֿוס די הױך. ער ציט זיך אױך פֿאַרבײַ צופֿוסנס פֿון קאַזבעק, אַ לאַנג־פֿאַרלאָשענער װולקאַן פֿון העכער 16 טױזנט פֿוס די הױך, אײנער פֿון די העכסטע בערג אין אײראָפּע, װאָס איז פֿאַראײביקט געװאָרן אין אַ באַרימטער פּאָעמע פֿון פּושקין („מעזש קאַזבעק אי שאַט גאָראַיו ביל װעליקי ספּאָר").

אין אַ זוניקן טאָג פֿון אָנהײב אױגוסט האָבן מיר זיך אַרױסגעלאָזט פֿון אָרדזשאָניקידזע אױפֿ'ן גרוזינישן מיליטער־װעג קײן טיפֿליס. ניט צופֿוס, חלילה, נאָר אױף אַן אָפֿענעם גרױסן לאַסט־אױטאָ, װאו מען האָט אױף אימפּראָװיזירטע בענקלעך אױסגעזעצט אפֿשר 20 „פּראָלעטאַרישע טוריסטן", מיטגלידער פֿון דער „אָפּטע"־אָרגאַניזאַציע.

מיט אונדז איז מיטגעפֿאָרן אַ „גאַיד". פֿאַר דער צײַט פֿון אונדזער רײַזע האָט ער אונדז דערצײלט זײער אַ סך װעגן קאַװקאַז, איר געשיכטע, אירע מענטשן און רײַכטימער, װי אױך די אינטערעסאַנטע געשיכטע פֿון דעם גרוזינישן מיליטער־װעג אַלײן. ער האָט אונדז אױך אינפֿאָרמירט װעגן דער פֿאַונאַ (חיות־װעלט) און פֿלאָראַ (פֿלאַנצן־װעלט) פֿון קאַװקאַז אָדער גרוזיע, געגעבן דערקלערונגען װעגן די פֿאַרשײדענע בערג, טאָלן, פּערע־װאַלן, קעניאָנס, טײַכן, שטעטלעך און רעשטלעך פֿון אַלטע בנינים, היס־טאָרישע שלעסער, בית־עלמינ'ס און רואינעס פֿון פֿאַרצײַטיקע באַרג־ישובֿים, װאָס מיר זײַנען פֿאַרבײַגעפֿאָרן.

דער גאַיד האָט דערמאָנט די נעמען פון אַ סך הויכע קאַווקאַזער בערג פון איבער 4,000 מעטער די הויך (אויסער עלבּרוס און קאַזבעק, וואָס זיינען די העכסטע אין אייראָפּע — עלבּרוס 18,000 פוס די הויך און קאַזבעק 16,500), ווי טעבולאָס, דיקלאָס, באַגאָס, דיולטי־דאַג, באַבאַ־דאַג, שאַך־דאַג און אנדערע דאַגן (אַ דאַג מיינט אַ באַרג אויף די שפּראַכן פון די אָרטיגע פעלקער), און פּערעוואַלן פון איבער 2,000 מעטער, ווי קרעסטאָווי, קאָדארסקי סאַלאַוואַטסקי, סוראַמסקי, א. א. ער האָט אויך אָנגערופן די נעמען פון אַ סך טייכן, ווי טערעק, סאַדאָן, קורא, ריאָן, ווייסע אַראַגווא, שוואַרצע אַראַגווא, א. אז. וו. באַזונדערס איז זייער רייך די חיות־וועלט פון גרוזיע, און אָפּגערעדט וועגן דער פלאַנצן־וועלט. דאָרטן זיינען פאַראַן אָדלערס, הירשן, ווילדע ציגן, שעפּסן, ברוינע בערן, וועלף, פוקסן, קאַבאַנעס, שאַקאַלן, לעמפּערטן, זוברעס, וועווערקעס, טיגערס, האָזן, קראָטן, פאַזאַנעס, ווילדע טויבן, שלאַנגען, יאַשטשעריצעס, סקאָרפּיאָנען, אַלערליי סאָרטן פיש און אנדערע מינים פון בעלי־חיים. וועגן די פלאַנצן וועט נאָך שפּעטער געזאָגט ווערן.

קאַווקאַזער טויערן

דער גרוזינישער מיליטער־וועג האָט זיך געצויגן איבער דעם קעניאָן פון טערעק און טאָל פון אַראַגווע. דער גאַיד דערציילט אונז, אַז דער באַרג־וועג איז לאַנג געווען באַקאַנט אונטער'ן נאָמען „קאַווקאַזער טויערן". מ'האָט אים אָנגעהויבן בויען נאָך אין יאָר 1801, באַלד נאָכ'ן אָנשליסן גרוזיע צו רוסלאַנד. מ'האָט אים געבויט אַ סך יאָרן. אין יאָר 1814 זיינען שוין אויף אים געפאָרן עקיפּאַזשן און בלויז אין דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט איז ער געבראַכט געוואָרן צו זיין איצטיגן מאָדערנעם צושטאַנד. אַ דאַנק דעם אויפקום פון די אויטאָמאָבילן איז ער געוואָרן לעבעדיגער פון יאָר צו יאָר. ער איז ניט נאָר זייער וויכטיג פון אַ מיליטערישן שטאַנדפּונקט, נאָר ער איז דער קירצסטער און שנעלסטער וועג צווישן צפון־קאַווקאַז און טיפליס פאַר פּאַסאַזשירן און פּאָטשט. מיט דער אייזנבאַן דערבענט־באַקו־טיפליס און אַרמאַוויר־טואַפּסע דויערט די רייזע אפשר פינף מאָל מער, ווייל מיט דער באַן פון אָרדזשאָניקידזע קיין טיפליס מוז מען אָנלייגן אַן אַ שיר וועג צוליב די בערג און פאָרן איבער באַקו.

דער היינטיגער וועג ציט זיך איבער 12 סטאַנציעס פון דער געוועזענער פערד־פּאָטשט. אָבער לאָמיר גיין כסדר. פון וולאַדיקאַווקאַז — די ערשטע 8 קילאָמעטער — פאָרן מיר איבער פלאַכלאַנד, דערנאָך איבער'ן טאָל פון טערעק. נאָכ'ן אָפּפאָרן 12 קילאָמעטער קומט מען אָן אין דער ערשטער סטאַנציע באַלטאַ. נאָכדעם הויבט זיך אָן די אַזויגערופענע „דזשעראַווסקאַיע אושטשעליע", דער ערשטער טיפער קעניאָן. די בערג זיינען דאָ פעלזיגע, פאַראַן אויך וואַפנע־בערג. לאָרס איז די צווייטע

סטאַנציע. נאָכדעם הויבט זיך אָן די באַרימטע אומגעווײַנלעך־שמאָלע, פינסטערע, גראַניטענע „דאַריאַלסקאַיע אושטשעליע". דאָס איז אפשר דער סאַמע מאָלערישער טייל פון דעם וועג צוליב זײַן ווילדער שטרענגקייט. בײַ גווילעטי פאָרט מען דורך אַן אײַזערנעם בריק און פאַרבײַ דעם „דעוו־דאַראַקסקי ליעדניק", וואָס מאַכט אָן אַ סך צרות צוליב זײַנע אוואַלאַנשן, זיך אַראָפּלאָזנדיגע לאַווינעס.

מיר קומען אָן אין קאַזבעק, אַ קליין־שטעטל צופֿוסנס דעם באַרימטן באַרג אונטער'ן זעלבּיגן נאָמען (1,705 מעטער). שפּעטער פאָרן מיר פאַרבײַ די ישובים גערגעטי און קאָבי און זייער נאָענט פון „קרעסטאָווי פּערעוואַל". דער וועג איז דאָ שטענדיג אין געפאַר פון שניי־אוואַלאַנשן, פאַרשיטענישן. מיר פאָרן דורך די געגנטן, וואָס טראָגן אַזעלכע מאָדנע, טשיקאַווע נעמען, ווי „טשאַרטאַוואַיאַ דאָלינאַ" (דער טײַוולשער טאָל) און „קאַמעני כאַאָס" (שטיינערנער כאַאָס) צוליב די ברוכשטיקער־לאַווינעס פון באַרג "גוד".

מיט גראַנדיאַזיטעט און באַזונדערער אייגנאַרטיגער שיינקייט צייכנט זיך אויס דער „זעמאַמלעטסקי ספּוסק". ער שלענגלט זיך איבער די צעקרימטע רוקנס פון דעם טאָל אַראַגווואַ (ווייסע) פון דער סטאַנציע גודאַאיר (2,157 מעטער) ביז דער סטאַנציע מלעטי (1,412 מעטער) און פירט אַרי־בער דעם רייזנדער פון אַ שטרענגער באַרג־אומגעבונג אין דער ווייכער צאַרטער נאַטור פון גרוזיע. דער וועג איז דאָ אַ קונציג שטיקל אַרבעט פון אינזשענערן־טעכניק. אָפט שווינדלט אײַך דער קאָפּ, ווען איר גיט אַ קוק ווי הויך איר זײַט איבער'ן טאָל. אַרום גודאַאיר איז דוכט זיך דער העכסטער פונקט פון דעם גרוזינישן וועג. פון דאָרטן גייט שוין, דוכט זיך אײַך, דער וועג באַרג־אַראָפּ, אַלץ נידעריגער, ביז טיפֿלים.

די נאָכפאָלגנדיגע סטאַנציעס פּאַסאַנאַאור (בײַם צוזאַמענגוס פון דער שוואַרצער און ווײַסער אַראַגווואַ (1,014 מעטער) און אַנאַנור געפינען זיך אין דעם שענסטן מאָלערישן טייל פון דעם טאָל אַראַגווע, וואו די באַרג־רוקנס זײַנען שוין באַדעקט מיט בלעטערדיגע וועלדער. נאָך אַנאַנור ווענדט זיך אָפּ צײַטווײַליג דער וועג פון דעם אַראַגווע־טאָל, נאָר הינטער די דור־שעסטסקער באַרג (881 מעטער) פאַלט ער ווידער אין אים אַרײַן.

בײַ דער סטאַנציע ציליקאַני (560 מעטער) טראָגט שוין די געגנט אַ פולשטענדיגן לאַנדווירטשאַפטלעכן כאַראַקטער. די וועלדער זײַנען דאָ אויסגעהאַקט און האָבן אָפּגעטראָטן דעם פּלאַץ פאַר באַוואַסערטע תבואה־פעלדער. הינטער ציליקאַני הויבט זיך אָן דער קאָלירפולער קאַרטאַלינישער טאָל, וואו איר זעט אַ סך ישובים אַרומגערינגלט פון ווײַן־גאָרטנס.

בײַ דער סטאַנציע מצכעט (533 מעטער), אַ פאַרצײַטיגע הויפּט־שטאָט פון גרוזיע, גייט אַריבער דער מיליטער־וועג אויפ'ן רעכטן ברעג פון קורא, און מיט'ן ברייטן טאָל בײַ דעם טײַך קומט ער אָן אין טיפֿלים. אויף דער

קורא לעבן מצבעט פאַרן מיר פאַרביי דער גרויסער זעמאָ־אווטשאַלער הידראָ־עלעקטראָ סטאַנציע, וואָס איז פאַרטיג געוואָרן אין 1927 און באַזאָרגט מיט עלעקטרישער קראַפט טיפליס.

רעגנבויגנס אין רעגנבויגנס

אָבער די פאַקטן ענציקלאָפּעדישע, וואָס דער גאַיד האָט אונז מיטגעטיילט און וועלכע כ'האָב דאָ אויך מיט אייך געטיילט, האָבן ווייט ניט אויסגעשעפּט די טעמע, ווייט ניט דערציילט די גאַנצע געשיכטע פון דער וואונדערלעכער נאַטור, פון דער מערקווירדיגער, אויסטערלישער רייזע. די פּראַכט און שיינקייט פון דעם גרוזינישן מיליטער־וועג איז כמעט אוממעגלעך צו שילדערן ווי דאָס פּאַרדינט. די רייזע איז פון די גרעסטע איבערלעבונגען, וואָס אַ מענטש קאָן האָבן.

דער וועג ציט זיך שעה'ן לאַנג צווישן בערג, פון איין זייט, פון ביידע זייטן, פון דריי זייטן, פון אַלע זייטן. הויכע בערג, פעלזן האַרבאַטע, שטראָמען פאַרשייטע, ווייסע און שוואַרצע טייכן. בערג פאַרקאָוועט אין אייז און טיפן שניי, איבער וועלכע עס טראָגן זיך ווינטן און זאַווערוכעס. דער אייז־צודעק דערגרייכט אַמאָל די סאַמע פּיאַטעס פון די בערג. בערג פאַרשלייערט מיט וואָלקנס. די וואָלקנס זיינען אָפּט אַזוי נאָענט פון אייך, ווי אויף אייער דלאָניע.

איר פאָרט בוכשטעבלעך באַרג־ארויף, באַרג־אַראָפּ, באַרג־אַראָפּ, באַרג־ארויף. די קעפּ פון די בערג, די באַרג־שפּיצן און באַרג־שפּאַלטן זיינען באַדעקט מיט אייז, און די רוקנס און פּלייצעס, די צופוסנס און די פעלזן־פּיס פון די בערג זיינען באַדעקט מיט וועלדער, וויין־גערטנער, תבואה־פעלדער, פּאַליאַנעס.

די קאָלירן פון די בערג און טאָלן און פעלדער און וועלדער און טייכן האַלטן זיך כסדר אין בייטן, אין שפּיגלען, רעפלעקטירן, מינען, מאַניען, לאָקערן, שעמערירן, פינקלען, בליאַסקען, צויבערן, כשופ'ן, בלישטשען, גלאַנצן, שיינען, בלענדן, בלינדלען מיט אַלע פאַרבן פון דעם רעגנבויגן. און אָפט זעט איר אויך די רעגנבויגנס אַליין, רעגנבויגנס אין רעגנבויגנס. די באַרג־שפּיצן זיינען אַמאָל בלוי, אַמאָל גרוי, צי ווייס, צי ברוין אָדער בראָנזענע, וויאָלעט און פּורפּור־רויט. זיי נעמען אָן פאַנטאַסטישע פאָרמען און אויזערן. אַמאָל זעען זיי אויס ווי פּאַפּאַכעס פון גרוזינישע ריזן, אַמאָל ווי קעפּ פון גרייז־גרויע געטער, אַמאָל גאָר ווי הויקערס, אַ הויקערדיג באַרג זיצט אויפ'ן רוקן פון אַ צווייטן. מיר זיינען פאַרבייגעפאָרן בערג, וואָס האָבן זיך אָנגערופן מיט טשיקאַווע נעמען לויט זייער אויסזען, ווי קינזשאַל, „אָסטראַיאַ” (שאַרפע), קאַבאַן, „מיאַדאָוואַיאַ” (האָניגדיגע), „לעטושאַיאַ מיש” (פלעדערמויז), א. אז. וו.

אָפטמאָל איז דער וועג געגאַנגען און געלאָפן און געטאַנצט און גע־

שפּרונגען איבער זייער הויכע בערג און הויכקייטן, אראָפּגעהאַנגען איבער טיפע אָפּגרונטן. און אָפטמאָל איז דער וועג גאָר ניט געווען קיין וועג, נאָר אַ שטעג, אַ שטעגל, אַ סטעזשקע, אַ סטעזשקעלע, אַזוי שמאָל און ענג, אַזוי געדרייט און געשלענגלט, אַז ווען אַ צווייטער אויטאָמאָביל אָדער פערד־און־וואָגן אָדער רייטער איז געקומען אַנטקעגן, האָט מען געדאַרפט שווער לאַווירן און מאַנעווירן צו קענען דורכקריכן, דורכלאָזן איינער דעם צווייטן. אָפט האָט איר געהאַט אַ געפיל: אָט וועלן אָנהויבן פאַלן שטיינער, לאַווינעס, אַוואַלאַנשן פון די ריזיגע בערג און אייך פאַרשיטן און פאַרשטעלן דעם וועג. כ'האָב דאָס באַזונדערס געפילט אין דעם קעניאָן פון טערעק, די אַזויגערופענע „טערעקסקאַיע אושטשעליע". און זייער אָפט,

די „טערעקסקאַיע אושטשעליע" פון גרוזינער מיליטער־וועג

כמעט יעדן זומער, פלעגט טאקע טרעפן, אז די שלאַכס־רעגנס, צי האַסטיק־לויפנדיגע בארג־טייכן און וואַסערפאַלן האָבן פארפלייצט, אראָפּגעשווענקט און איבערגעריסן שטיקער פון וועג און מ׳האָט געדארפט שווער אַרבעטן דאָס צו פאַרריכטן.

שווער אָטעמט איר די הויכע בארג־לופט און פילט זיך דאָך גרינגער, לויטערער, באַפליגלטער. וואָס העכער אויפ׳ן בארג, אַלץ פרישער, דינער, שי־טערער די לופט, אַלץ קעלטער, ווינטיגער. אָפט רעגנט עס אויפן וועג צווישן די בערג, כאָטש די זון שטייט און לאַכט פון אייך אין סאַמע מיטן הימל. די וואָלקנס האָבן געוואַשן פון אייך דעם שטויב פון דעם וועג. אַנטקעגן זון האָבן זיך געמינעט אויף די בערג לאַנגע שאָטנס פון די פאַרבייגיגע־טראַגנדיגע, פאַרביישוועבנדיגע, פאַרבייגייענדיגע, פאַרביילויפנדיגע, פאַר־ביישפרינגנדיגע און טאַנצנדיגע וואָלקנס. ס׳איז געווען מערקווירדיג צו זען, ווי אויף א געוויסער שטרעקע האָט זיך געצויגן דער שווארצער אראַג־וואַ־טייך, וואָס האָט טאַקע אויסגעקוקט שוואַרץ. שפּעטער האָט מען אָנ־געהויבן זען אויף א געוויסער שטרעקע צוויי פאַראַלעלע שטראָמען אין דעמזעלבינגן טייך, א ווייסער און א שוואַרצער. און דערנאָך האָבן זיי זיך צוזאַמענגעגאָסן און מען האָט געזען בלויז דעם ווייסן אראַגוואַ־טייך.

מיר פלעגן זיך אָפּשטעלן ביי די פיינע שטעטלעך אויפ׳ן וועג, ווי לאַרס, קאַזבעק. צופוסנס פון דעם באַרימטן באַרג האָבן מיר זיך אָפּגע־שטעלט אויף העכער א שעה. צוזאַמען מיט א גרופּע טוריסטן האָב איך געפּרואווט אויף אים קלעטערן. איז מיט יעדן שפּאַן געוואָקסן דער חשק צו קלעטערן. אָבער מיט יעדן שפּאַן איז דאָס קלעטערן געוואָרן אַלץ שווע־רער. און ערשט דעמאָלט האָב איך צום ערשטן מאָל דערפילט דעם פאַר־געניגן פון באַרג־שטייגער, די ליידנשאַפט פון די אַלפּיניסטן צו דערגרייכן די העכסטע פּונקטן פון די העכסטע בערג, אפילו אויב מ׳זאָל דאַרפן ריזי־קירן מיט׳ן לעבן.

מיר האָבן אויפ׳ן וועג אָנגעטראָפן אַלערליי רייטער, געזען פון דער־ווייטנס פאַסטוכער מיט פאַפאַכעס פון שעפּסענעם פוטער פאַשן סטאַדעס שעפּסן און ציגן אויף די רוקנס פון די בערג. זעלטענער געזען גערטנער אין די וויין־סעדער און נאָך זעלטענער געזען אַרבעטער אויף די תבואה־פעלדער. מיר האָבן געזען איינצלנע אַלטיטשקע מיט נאַרגילעס אויף די שוועלן פון אַאולן. אין אַלגעמיין האָבן מיר בלויז אין די שטעטלעך און סטאַנציעס באַגעגנט גרעסערע צאָלן פון מענטשן. אויפ׳ן וועג פאָרנדיג האָט מען געדאַרפט זוכן און אָרטיגן איינוואוינער ווי מיט ליכט.

נאָך דערפאַר האָב איך אין די טוריסטן־באַזעס, אויף די סטאַנציעס און אויף אַלע בערג און וועגן געטראָפן גרופּעס טוריסטן און עקסקורסאַנטן פון אַלע עקן פון גרויסן סאָוועטן־פאַרבאַנד און פון אַלע עקן פון דער וועלט, פון די ארבע פּינות עולם. צווישן מיינע מיטפאָרער אויפ׳ן אויטאָ־

מאָביל פון „אַפּטע" האָבן זיך געפונען מענטשן פון אַלערליי טײלן פון פאַרבאַנד, פון די פאַרשיידנסטע באַשעפטיגונגען, נאַציאָנאַליטעטן, און עלטער.

כמעט אַלע האָבן מיר געזאָגט, אַז זיי פאָרן איבער קאַווקאַז שוין ניט צום ערשטן מאָל. יעדן יאָר מוזן זיי פאָרן אין די בערג. עס ציט זיי שוין אַהין ווי אַ מאַגנעט. אין זכרון איז ביי מיר פאַרבליבן אַ מאַן און פרוי פון איבער די פופציגער. זיי זיינען געקומען פון סווערדלאָווסק. ער איז אַן עלטסטער מייסטער אין אַ וויכטיגער פאַבריק און זיי האָבן שוין אויס־געגעבענע קינדער. האָבן זיי מיר אין שמועס דערציילט, אַז יעדן יאָר קריגן זיי אמווייניגסטנס זעקס וואָכן וואַקאַציע און יעדן יאָר פאָרן זיי ווי־דער אויף קאַווקאַז. דאָס איז שוין געווען זייער צוועלפטע רייזע.

דעם גאַנצן וועג — אמאָל פונדערווייטנס, אמאָל פונדערנאָענטנס — האָבן מיר געזען אַאולן, ווי עס ווערן אָנגערופן די שטיבער און ישובים פון די אָרטיגע איינוואוינער אין די בערג. די אַאולן האָבן אויסגעקוקט ווי זומער־שפּרענקלעך אויף די באַרג־פּנים'ער. דער באַרג האָט אָפט דעם אַאול געדינט אי אַלס פונדאַמענט, אי ווי אַ וואַנט. דאָס אַאול־שטיבל, פון שטיין אָדער ליים, האָט געווייינלעך געהאַט בלויז דריי ווענט און אַ פלאַ־טשיגן דאַך. אָפט האָבן מיר געזען גאַנצע גרופּעס שטיבלעך, אַאולן־דער־פער אָדער ישובים, איינער איבער'ן צווייטן און פון אַלע זייטן, אָן אַ באַ־שטימטער אָרדנונג און סימעטריע. זיי האָבן געשאַפן דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן שטענדיג זיך געהאַלטן אין דראַפּן אַלץ העכער און העכער; כאָטש איבער געקרימטע וועגן און שטעגן, אָבער שטענדיג אַרויף, באַרג־אַרויף, צו דער זון און צו די שטערן...

טיפליס

אונזער אויטאָמאָביל פאָרט אריין נאָך זון־פאַרגאַנג אין טיפליס, די הויפּט־שטאָט פון דער גרוזינישער רעפּובליק, דער אַדמיניסטראַטיווער צענטער און גרעסטע שטאָט פון גאַנץ קאַווקאַז מיט איבער 300,000 איינוואוינער. טיפליס געפינט זיך אויף דער באַן־ליניע, וואָס פאַרבינדט דעם שוואַרצן ים מיט׳ן קאַספּישן.

ס׳איז געווען דער סאַמע הויך־פּונקט פון טוריסטן און וואַקאַציע־סעזאָן. אויף דער איבערגעפּאַקטער באַזע פון „אַפּטע" האָט געשוויבלט ווי אין א בינשטאָק. דאָרטן האָבן זיך שוין געפונען הונדערטער טוריסטן — ווער ס׳איז אָנגעקומען היינט, ווער נעכטן, און מיט א פּאָר טעג פריער. יעדערער האָט אויסגעקוקט פאַרברוינט פון דער זון. די באַזע איז געווען בעסער איינגעאָרדענט פון אַלע אַנדערע, וואו מיר איז אויסגעקומען צו עסן און נעכטיגן. מיר האָבן גענעסן אין ספּעציעלע צימערן און געשלאָפן אין א לאַנגן און ציכטיגן באַראַק, וואו עס זיינען געווען אויסגעשטעלט אין דריי־פיר רייען צענדליגער בעטלעך. ס׳איז געווען שטיל און רואיג, כאָטש דער עולם איז געווען מערסטנס א יוגנטלעכער. די פּרויען האָט מען איינגעאָרדנט אין אן אַנדער געביידע פון דער „אַפּטע" אין טיפליס.

כ׳בין געווען זייער מיד. פון דעם וואונדערלעכן טאָג איבער דעם גרוזינישן מיליטער־וועג, האָב איך זיך געלייגט פרי אין מיין בעט און געשלאָפן, ווי א געהרג׳עטער. אויף מאָרגן, באַלד נאָכ׳ן פרישטיק, האָב איך זיך אָנגעשלאָזט צוזאַמען מיט נאָך א קיעווער טוריסט מאַרטשענקאָ צו באַטראַכטן די שטאָט, איינע פון די עלטסטע און אָריגינעלסטע אין סאָוועטן פאַרבאַנד.

טיפליס איז ניט נאָר אַרומגערינגלט פון בערג ביז 2,400 פוס די הויך, נאָר די שטאָט האָט זיך טאַקע ממש צעלייגט אויף די באַרג־שפּועים און רוקנס פון די הויך־באַרגיגע ברעגן פון ביידע זייטן פון דעם טייך קורא, ווי ביים טאָטן אין וויין־גאָרטן. אָבער דאָ האָט דאָס ווערטל געקלונגען אַנדערש, ווייל די שטאָט, באַזונדערס די ראַנדן זיינען געווען אָנגעפּיקעוועט מיט וויינגאָרטנס אין דעם בוכשטעבלעכן זין פון דעם וואָרט.

אויסער די שווערע אינדוסטריען אין טיפליס, האָט מען דאָרטן נאָך פאַבריצירט ציגל, טאַבאַק, פלאַנצן־אויל, זייף, וויין, קאָניאַק,

לעדערווארג, מעבל. געווען אויך זעג־מילן און זייד־פאבריקלעך.

די שטאָט האָט זיך אָנגעהויבן בויען נאָך מיט א 16-15 הונדערט יאָר צוריק. געווען דאָרטן קאטעדראַלן, וואָס זיינען נאָך געבויט געוואָרן אין 5טן יאָרהונדערט. די שטאָט איז א סך מאָל פארכאפט און באהערשט געוואָרן אויף לאנגע צייט־פעריאָדן פון גריכן, רוימער, כוזרים (כאזארן), אראבער, מאָנגאָלן, פערסן, טערקן, און אנדערע. דעריבער קאָן מען נאָך איצט דאָרטן געפינען איינפלוסן פון די אַלע אָריענטאַלישע פעלקער און מלוכות.

אין טיפליס איז, פארשטייט זיך, געווען א מערהייט גרוזינער. דאָרטן זיינען אויך געווען א סך איינוואוינער פון אנדערע קאַווקאַזער און אָריענטאַלישע פעלקערשאפטן. פאר איינעם, וואָס איז ניט באקאנט מיט׳ן מזרח, האָבן אָבער אַלע יונים געהאָט איין פּנים. ביי מיר האָבן אַלע מענטשן אויסגעקוקט, אויב איר ווילט, גאָר ווי אידן. אַלע שווארץ־חנ׳עוודיגע מיט פינקלענדיגע אויגן. מיר האָט זיך אפילו געדוכט, אז אַלע האָבן לאנגע „אידישע״ נעזער.

אין שטאָט א גרויסע באוועגונג. די גאסן שטארק באַלעבט. די מענטשן פארהאוועט, באשעפטיגט. טראמווייען האָבן אומרואיג געקלונגען. דער טעמפּאָ פון דער סאָוועטישער טיפליס איז גאָרניט קיין מזרח׳דיגער, האָב איך געטראכט. דאָס קען מען פונדעסטוועגן ניט זאָגן וועגן דער גאַנצער שטאָט. עס זיינען נאָך געווען אַלטע און גאָר־אַלטע קווארטאַלן, מיט אַלע מזרח׳דיגע אייגנשאפטן און חנ׳ען, אריינגערעכנט ענגע און שמאָלע געסלעך, פוילקייט און אומריינקייט. און געווען נייערע און גאָר־נייע מאָדערנע קווארטאַלן, סאָוועטישע קווארטאַלן, מיט ברייטע גאסן און סקווערן. דאָרטן האָט זיך געפונען דער צענטער פון די סאָוועטישע רעגירונגס־און בילדונגס־אינסטיטוציעס, ווי אויך די טעאַטערס, די גרוזינישע אָפּערע, דער אוניווערזיטעט, סטאַלין־מוזיי, א. אז. וו. א. אז. וו.

פון די ווייס־געקאַלכטע מויערן פון טיפליס איז מיר געבליבן אן אַלגעמיינער איינדרוק פון ווייסקייט. נאָר אפילו אין דער נייער שטאָט, אין די נייע קווארטאַלן, פלעגט איר אָפט זען זאכן, וואָס האָבן אייך דערמאָנט, אז איר זענט אין אן אָריענטאַלישער שטאָט. דאָס איז געווען, צום ביישפּיל, ווען איך פלעג זען די אייזעלעך מיט די אראָפּגעהאָנגענע מילך־קריגלעך אָדער אנדערע פּעקלעך פון ביידע זייטן, וואָס פעדלער האָבן געפירט. אָדער ווען איך פלעג זען א פרוי מיט׳ן „טשאדרא״־שלייער אריבערגעדעקט דאָס פּנים, ווי ס׳איז דער טראַדיציאָנעלער שטייגער ביי די מאכמעדאנער, ביי די פערסן און אַנדערע. דאָס האָבן אייך אויך דערמאָנט די פארשפּיצינט־קיילעכדיגע דעכער־קעפּ פון מעטשעטן, מיט די שטיינערנע גאַניקעס ארום זייערע העלזער, די רייך־קאָלירטע, רונד־בייכיגע מינארעטן. (כ׳האָב באזוכט אזא מאכמעדאנישן קלויסטער אין באטום).

איר האָט געפּילט די עקזאָטישקייט, דעם גייסט פון מזרח, דעם הויך פון אָריענט, אויף די מערק און באַזאַרן פון דעם אָרט־געבוירטיגן „נעיטיוו" נעגנט. דאָרטן האָט איר געטראָפן אַלערליי מזרח־מענטשן: טערקן, פּערסן, אַראַבער, טאַטאַרן, קירגיזן. דאָרטן זיינען אויך געווען אויסגעשטעלט די פאָלקס־קינסטלערישע אַרבעטן פון גרוזינישע זילבער־שמידן, געווער־שמיד־ן, שווערדן־מאַכער, ווי אויך טעפּיכער, געטריקנטע פרוכטן, שאַלן, טיכלעך און אַנדערע זייד־אויסאַרבעטונגען, פאַרשיידענע סחורות פון פּערסיע און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אין זכרון איז מיר באַזונדערס געבליבן דער שטאַרקער איינדרוק פון מיין באַזוך אין דעם טיפליסער סטאַלין־מוזיי. דאָרטן זיינען צונויפגע־זאַמלט גאָר אַ סך עקספּאָנאַטן פון סטאַלינ׳ס לעבן און קאַמף, באַזונדערס אין זיין געבורטלאַנד גרוזיע. די אויסשטעלונגען פון דער פאַונא, פלאָרא, נאַטור־אוצרות און אַלע אַנדערע פאַזן פון דעם לעבן אויף קאַווקאַז זיינען אויך געווען זייער אינטערעסאַנט. ס׳האָבן זיך ביי מיר איינגעקריצט אין זכרון, צום ביישפּיל, די מוזיי־מאַטעריאַלן וועגן די בעוווסורן פון וועמען עס זיינען פאַרבליבן געציילטע טויזנטער אויף אומצוטריטלעכע באַרג־שפּיצן.

מיינע זינד דערמאָנען איך היינט

טיפליס איז אויך געבענטשט מיט וואַרעמע וואַסער־קוואַלן, וואָס האָבן גרויסע הייל־איינגשאַפטן. אָבער סיי די אַלטע בעדער, וואָס זיינען אויפגעבויט געוואָרן נאָך מיט הונדערטער יאָרן צוריק, סיי די נייע בעדער, געפינען זיך אין דער אַלטער שטאָט אָדער אַלטן קוואַרטאַל, וואָס דערמאָנט אָן די אַלטע קוואַרטאַלן פון ירושלים און אַנדערע מזרח־שטעט. די טיפּ־ליסער בעדער ביי די וואַרעמע קוואַלן זיינען באַרימט און וועגן זיי פלעגט מען דערציילן גאַנצע לעגענדעס אויך אין אויסלאַנד. און ניט נאָר פאַר׳ן וואַרעמען וואַסער זיינען די בעדער געווען באַרימט, נאָר אפשר נאָך מער פאַר די טיפליסער „פאַרשטשיקעס". האָב איך באַשלאָסן צו באַזוכן אַזאַ באָד צוזאַמען מיט מיין סאָוועטישן לאַנדסמאַן מאַרטשענקאָ.

פון דרויסן איז שווער געווען צו טרעפן וועלכע בעדער עס זיינען נייע און וועלכע אַלטע. מיר זיינען צוגעקומען צו אַ פענצטערל און באַצאָלט עפּעס גאָר ווייניג, געדענק איך. דערנאָך האָט מען אונז אריינגעפירט אין אַ צימער זיך אויסטאָן. מיט די באַדינער האָבן מיר זיך ניט געקענט צו־נויפרעדן. זיי האָבן געקענט בלויז געציילטע רוסישע ווערטער און מיר האָבן זיך בלויז פאַרשטאַנען אויפ׳ן וואונק. דער צימער איז געווען זייער אַ טונקעלער און ניט איבעריגס ריין. כמעט ווי ניט געווען קיין מעבל — בלויז עטלעכע בענק און פּאָליצעס.

נאָכ׳ן אויסטאָן האָט מען אונז אריינגעפירט אין דעם ריכטיגן באָד־

צימער, א פאַרוואָלקנטן מיט פּאַרע. ער האָט אויסגעקוקט ווי א אידישע מקוה. דער דיל פון שטיין אָדער ציגל. ביים וואַנט האָט זיך געפונען אַן איינגעמוירטע ציגל־וואַנע מיט וואַרעמען וואַסער. טאַקע נאַטירלעכע קוואַל־וואַסער, ניט קיין קינסטלעך אָנגעוואַרעמטע. אָבער די וואַנע איז ניט געווען זייער אָנציִענדיג. דאָס וואַסער האָט אויסגעקוקט ברודיג. האָב איך שנעל פאַרלאָרן מיין חשק זיך דאָרטן צו באָדן.

מאַרטשענקאָ האָט זיך דער ערשטער אָפּגע׳טובל׳ט עטלעכע מאָל אין דער גרוזינישער „מקוה״. א „פּאַרשטשיק״ האָט אים דערנאָך אויסגע־צויגן אויף א באַנק און אפשר פופצן מינוט מאַסאַזשירט און „אויסגע־קנאַקט״ יעדן ביין און ביינדל אין זיין קערפּער. איך מוז זיך מודה זיין, אַז גראַד ביי די וואַרעמע וואַסער האָב איך געקראָגן „קאַלטע פיס״, האָב מוחל געווען די וואונדער פון די טיפליסער בעדער און זיך קוים אָפּגעבעטן ביים „פּאַרשטשיק״ ער זאָל מיך ניט נעמען אין דער אַרבעט אריין. דער „פּאַרשטשיק״ האָט זיך, ווייזט אויס, געפילט באַליידיגט, וואָס איך וויל זיך ניט באַנוצן מיט זיין „ביינער־קנאַקעדיגער״ קונסט. אָבער פאַרפאַלן: „מיינע זינד דערמאָן איך היינט״.

אויפ׳ן באַרג „דאַוויד״

כ׳קען אויך ניט פאַרגעסן די עטלעכע אָוונטן, וואָס איך האָב פאַר־בראַכט אויפ׳ן טיפליסער באַרג „דאַוויד״, א גאַנץ הויכער באַרג. ער איז ניט קיין נאָמען נאָכ׳ן אידישן דוד המלך, נאָר טאַקע נאָך א גרוזינישן מלך דאַוויד. און טשיקאַווע: דער אידישער מלך איז באַרימט ניט אַזוי פאַר זיין שפּילן, נאָר דער עיקר אַלס מלחמה־פירער בעת דער גרוזינישער מלך איז באַרימט אין דער געשיכטע פון זיין פאָלק אַלס בויער. אויפ׳ן באַרג איז מען געקומען מיט דער הילף פון אַן אַזויגערופענעם „פוניקוליאַר״, דאָס הייסט, א באַרג־טראַמוואַי, ווי אויף מאָונט ביקאָן און אַנדערע בערג אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט. דאָרטן איז געווען דער קוני איילענד, דער פאַרוויילונג־צענטער, דער „פּאַרק פון קולטור און אָפּרו״ פון טיפליס.

יונג און אַלט פלעגט נאָך דער אַרבעט קומען אויפ׳ן באַרג. משפחות׳־ווייז פלעגט מען קומען, זיך אויסזעצן אויף די לאַנגע פּאַרק־בענק צו שעפּן קילע, פרישע לופט, אָדער אויף שטולן אַרום די טישלעך פון רעסטאָראַנען און קאַפעטעריעס אונטער׳ן פריִען הימל א־לאַ פּאַריז. איר האָט געקענט באַשטעלן ביי די וועיטערס (סאַרווערס) וויין, שאַשליק (שעפּסן־פלייש) און אַנדערע גרוזינישע מאכלים און סאָוועטישע פּאַטראַוועס. אין דעם גרויסן רעגירונגס־רעסטאָראַן האָט אַלע נאַכט געשפּילט מוזיק. די גרוזינישע קלעזמער האָבן אויסגעשפּילט אויף די אייגנאַרטיגע קאַווקאַזער אינסטרו־מענטן אָריענטאַלישע פאָלקס־מעלאָדיעס, וואָס האָבן געוויינלעך געקלונגען

ניט ווייניגער טרויעריג, ווי אידישע טראַדיציאָנעלע מוזיק. זינגער האָבן אויך רעציטירט און אימפּראָוויזירט פאַרשיידענע פאָלקס־שאַפונגען, און דער עולם פלעגט דורכפירן פאַרשיידענע פאָלקס־טענץ, ווי די באַרימטע לעזגינקע.

זיי פירן דורך אַ פאָלקס־טאַנץ

אַ גוואַלדיגן איינדרוק האָט, ווי אויף יעדן באַזוכער פון דעם דאַוויד באַרג ביינאַכט, געמאַכט אויך אויף מיר די אַנטפּלעקטע פּאַנאָראַמע, אַראָפּ־קוקנדיג אויף דער שטאָט. אין אַן אויסגעשטערנטער נאַכט איז דער עפעקט געוועזן באַזונדערס באַצויבערנדיג. שטעלט זיך פאָר: טויזנטער שטערן אויפ׳ן הימל אויבן און טויזנטער שטערן — עלעקטרישע ליכט — אויף דער ערד אונטן. דער הימל האָט אָפּגעשפּיגלט די ערד און פאַרקערט.

טיפליס איז פאַר מיר געווען אויסגעשפּרייט ווי אַ ריזיג אויפגעעפנט בוך מיט עלעקטרישע בוכשטאַבן. האָב איך געלייענט די געשיכטע פון דער סאָוועטישער גרוזיע דורך די לענין־לעמפּלעך אין דער הויפּט־שטאָט פון סטאַלינ׳ס געבורטלאַנד.

דניעפּראָסטראָי פון קאַווקאַז

דער געדאַנק אויסצובויען איינע פון די גרעסטע הידראָ־עלעקטרישע סטאַנציעס אויפ׳ן טייך ריאָן ניט ווייט פון טיפליס ביי קוטאאיס איז אויפ־געקומען נאָך אונטער׳ן צאַריזם. אָבער ערשט אונטער דער סאָוועטן־מאַכט איז דאָס פאַרווירקלעכט געוואָרן.

— „אויספאָרשן, צי ער איז ביים פולן זינען״ — אַזאַ באַמערקונג האָט אָנגעשריבן דער פאַרטרעטער פון צאַרישן האַנדלס־מיניסטער אין 1912 אויפ׳ן פּראָיעקט פון אַן אינזשענער אויסצונוצן די וואַסערן פון קאַווקאַז פאַר בויען הידראָ־עלעקטראָסטאַנציעס.

„דיזשו ריאָן״ — משוגענער טייך — אַזוי האָבן אים גערופן די אָר־טיגע איינוואוינער. יעדן פרילינג, ווען די באַרג־שנייען זיינען צעגאַנגען, פלעגן די בייטייכלעך פון ריאָן אָפּווישן אויף זייער וועג אַלץ, וואָס זיי האָבן באַגעגנט. די איינוואוינער פלעגן אין פּאַניק אַנטלויפן פון דעם אויפגעברויזטן טייך אין די בערג, וואו זיי האָבן פאַר זיך אָפּגעקעמפט ביי די ווילדע פעלזן, קליינע שטיקלעך ערד.

בלויז די סאָוועטן־מאַכט האָט באַוויזן צו צוימען דעם מעכטיגן באַרג־טייך, וואָס טראָגט שטורמיש זיינע וואַסערן און אים צווינגען צו אַרבעטן אויפ׳ן סאָציאַליזם. אין 1927, האָב איך שוין דערמאָנט, איז ניט ווייט פון טיפליס געלאָזט געוואָרן אין גאַנג די זעמאַאַווטשאַלער הידראָ־סטאַנ־ציע — זאַגעס. דער טאָג פון לאָזן אין גאַנג די סטאַנציע איז צונויפגע־פאַלן מיט׳ן טאָג, ווען מען איז צוגעטראָטן צו בויען נאָך אַ מעכטיגערע סטאַנציע אויפ׳ן טייך ריאָן. ריאָן־געס איז געוועזן די מעכטיגסטע הידראָ־סטאַנציע פון קאַווקאַז.

ס׳איז שווער אפילו זיך פאָרצושטעלן דעם גרויסן מאַסשטאַב פון די אַרבעטן, וואָס עס איז אויסגעקומען פאַנאַדערצעוויקלען אין דעם שמאָלן און ענגן טאָל פון „משוגע׳נעם טייך״. מען האָט געדאַרפט אַרויסנעמען ביז 2 מיליאָן פעלזן און ערד־גרונט און דורכפירן ביז 250 טויזנט קובאַ־מעטער קאָנקריט (בעטאָן) און אייזן־בעטאָנישע אַרבעט. דער מאַסשטאַב פון די אַרבעטן אויפ׳ן ריאָן־געס איז כמעט געווען דער זעלבער וואָס אין דניעפּרבוי.

פיר קילאָמעטער פון קוטאאיס, צווישן צוויי פעלזיגע ברעגן, איז אויס־נעבויט געוואָרן אן אייזן־בעטאָן דאמבע (הרעבליע), וואָס שטעלט אָפּ די וואסערן פון טייך ריאָן. דאָס וואסער טרעט אריין אין א וואסער־באסעין, און פון דאָרטן — אין א גרויסן טונעל פון 4 מיט א האַלב קילאָמעטער די לענג. דער טונעל איז אזוי גרויס און ברייט, אז דורך אים קאָן פריי דורכפאָרן א פּאסאזשיר־צוג.

פון טונעל פאַלט אריין דער וואסער־שטראָם אין אן אָפענעם קאנאַל פון פינף קילאָמעטער די לענג. דער דעק פון קאנאַל איז זייער א ברייטער. ביים סוף קאנאַל איז אויסגעבויט נאָך א גרויסער באסעין, וואָס נעמט אריין 400 טויזנט קובאָמעטער וואסער. אָט־דער באסעין דינט דער ריאָן־געס אלס רעזערוו, וואָס גיט א מעגלעכקייט אין די אזויגערופענע „פּיק"־שעה'ן (ווען די עלעקטראָסטאנציע איז אָמשטאַרקסטן אָנגעלאָדן) איינצו־שליסן דעם פערטן רעזערוו־אגרעגאט.

סאָוועטיש פון קאָפּ ביז די פיס

דורך פיר קאלאָסאַלע רערן (טרויבן), וואָס דער דיאמעטער פון יע־דערער פון זיי איז אַנדערהאַלבן מאָל גרעסער פון א מענטשלעכן וואוקס, פאַלט דאָס באסעין־וואסער פון א 60 מעטערדיגער הויך און דריקט מיט א קאָלאָסאַלער קראַפט אויף די פיר טורבינעס. דאָס קלאַפּן פון דעם וואסער גיט קראַפט דעם גענעראטאָר, וואָס מאכט 300 אומדרייען אין א מינוט. די גענעראטאָרס זיינען ארויפגעזעצט אויף איין וואַל מיט די טורבינעס. די מעכטיגקייט פון יעדן גענעראטאָר באטרעפט 17,500 פערד־קראַפט.

דאָס מערקווירדיגסטע אויפ'ן ריאָן־געס איז דער פאקט, וואָס די גאנצע אויסשטאַטונג פון אָנהויב ביז'ן סוף האָבן פּראָיעקטירט סאָוועטישע אינזשענערן און האָבן אויסגעארבעט סאָוועטישע זאוואָדן. ריאָן־געס איז געווען די ערשטע מעכטיגע הידראָ־עלעקטראָסטאנציע אין סאָוועטן־פאַר־באנד, וואָס איז אינגאנצן אויסגעשטאַט מיט סאָוועטישע מאשינעס. זי איז געווען סאָוועטיש פון קאָפּ ביז די פיס.

דער עלעקטרישער שטראָם פון ריאָן־געס שפּייזט דעם גרעסטן זאוואָד פון מארגאנעץ — דעם זעסטאַפאָנער. פון די טשאַטורער מארגאנעץ־ערץ שמעלצט אויס דער זאוואָד יעדן יאָר העכער 150 טויזנט טאָן פון דעם זייער ווערטפולן מעטאַל, וואָס איז שטארק נויטיג אויף אויסארבעטן שטאָל פון הויכער קוואַליטעט.

טשאַטורע בין איך אגב פארבייגעפאָרן מיט דער באן. די געשיכטע מיט'ן טשאַטורער אָדער טשיאַטורער מארגאנעץ־ערץ איז ביז גאָר אן אינ־טערעסאנטע פאר זיך אליין. די גרעסטע סענסאציע אויפ'ן אַלוועלטליכן מארגאנעץ־מארק האָט ארויסגערופן דאָס באווייזן זיך פון סאָוועטישן מאר־גאנעץ. פון אָנהויב האָט זיך קיינער ניט געוואַלט ערנסט באציען צו די

רעזערוון פון טשיאטורער מארגאנעץ. אָבער דער צווישנפּעלקערלעכער געאָלאָגישער קאָנגרעס אין סטאָקהאָלם האָט נאָך אָנגעוויזן, אַז אָט־די רעזערוון באַטרעפן ביז 146 מיליאָן טאָן.

אין 1933, ווען די ערשטע טורבינע פון דניעפּר־געס האָט געקראָגן דעם עלעקטרע־שטראָם, איז גלייכצייטיג געלאָזט געוואָרן אין גאַנג אויך דער ערשטער עלעקטרישער אויוון פון זעסטאפאנער מארגאנעץ־זאַוואָד. דער ריאָן־געס שפּייזט אויך מיט עלעקטרע קוטאאיס, די טקוויבולער שאכטעס, דעם קאַספּישן צעמענט־זאַוואָד, דעם עלעקטריפיצירטן טייל פון די קאַווקאַזער אייזנבאַנען, א. אנד.

בשעת מיין רייזע האָט מען מיר נאָך דערציילט וועגן דעם פּלאַן פון א רעגולירנדיגער סטאַנציע אונטער'ן נאָמען כראַם־געס. דער טייך כראַם איז דאָס בייטייכל אויף רעכטס פון דעם טייך קורא. ער שטראָמט דורכ'ן צבאלקיער טאָל, וואָס איז ענלעך אויף א געגראָבענעם רעזערוואואר. דאָרט האָט געזאָלט אויסגעבויט ווערן א מעכטיגע סטאַנציע צו רעגולירן די אַרבעט פון די קאַווקאַזער הידרא־עלעקטראָסטאַנציעס. איין דיספּעטשער וואָלט אָנגעפירט מיט דער גאַנצער עלעקטרע־ווירטשאַפט פון גרוזיע, וואָס וואָלט אין פּרט פון עלעקטרישער ענערגיע געוואָרן איינע פון די רייכסטע רעפּובליקן אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

פאַר דער צוקונפט זיינען פאָראויסגעזען געוואָרן נאָך אינטערעסאַנטערע פּראָבלעמען פון עלעקטריפיצירן קאַווקאַז. מיר האָבן שוין דערמאָנט די סעוואַנער אָזערע צופוסנס פון דעם ביבלישן בארג אראַראַט, וואָס פאַרמאָגט די קאָלאָסאַלע ציפער פון 58 ביליאָן קובאָמעטער וואַסער. אין דער אָזערע פאַלן אריין 30 טייכן. אויף דער באַזע פון דער אָזערע איז פאַרפּראָיעקטירט געוואָרן א גאַנצער קאַסקאַד פון הידרא־עלעקטראָסטאַנציעס. די מעכטיגקייט פון די סטאַנציעס וואָלט געווען גרעסער פון דניעפּרא־געס.

באַטום

פון טיפליס קיין באַטום בין איך געפאָרן מיט דער באַן. וואָס נאָענטער צו באַטום אַלץ טראָפּישער ווערט דער קלימאַט און די לאַנדווירטשאַפט. איר זעט אַלץ אַ גרעסערע רייכקייט פון פלאַנצן, מער פּאַלמעס, מאַגנאָליעס, אויסטערלישע גרויס־וואוקסיגע, פיל־קאָלירנדיגע בלומען, פאַרשיידענע ציטרוס־פלאַנטאַציעס.

באַטום איז די הויפּט־שטאָט פון אַדזשאַריסטאַן, מיט אַרום 100 טויזנט איינוואוינער. באַטום איז אויך אַ בוכטע. זי פאַרמאָגט דעם וויכטיגסטן פּאָרט פון קאַווקאַזער ים־ברעג. און אינגאַנצן אַכט קילאָמעטער פון דער שטאָט געפינט זיך דער טייך טשאַראָב, דער גרענעץ מיט טערקיי. די בערג באַשיצן די בוכטע פון ווינטן. נאָך סעוואַסטאָפּאָל האָט זי דעם טיפסטן האַפן. דורכ'ן פּאָרט ווערן אַרויסגעפירט: אויל פון באַקו, טשיאַטורער מאַרגאַנעץ, קאָקאָנעס, זייד, פעל, וואַלד־מאַטעריאַלן. און עס ווערן אַריינגעפירט: מעל, תבואה, צוקער, מאַשינעס, פּאַפּיר, מעטאַל־אויסאַרבעטונגען. אַן אויל־רער ציט זיך פון באַקו ביז באַטום — פּאַראַלעל מיט דער אייזנבאַן.

די פּראָדוקציע פון באַטום אַליין איז אַ ריזיגע. פאַראַן אויל־ראַפינירזאַוואָדן, צינק־און טשוגון־גיסערייען, בידאָן־פּאַניר זאַוואָדלעך, טאַרטאַקן, וואַרשטאַטן פון באַמבוק־מעבל, גאַרבאַרניעס, טאַבאַק־פאַבריקן, עלעקטרישע סטאַנציעס. פאַראַן באַלמעלאָכעס (קוסטאַרן) און וואַסער־פּראָנט אַרבעטער, וואָס באַדינען דעם פּאָרט. פאַראַן פישער און גערטנער. אין די גערטנער וואַקסן וויינטרויבן און אַ סך פרוכט: עפּל, באַרן, מאַנדאַרינקעס, אינגזשיר, יאַפּאַנישע פלוימען.

די באַפעלקערונג באַשטייט פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן: אַדזשאַרצעס, גרוזינער, אַרמענער, רוסן, גריכן, אידן און אַנדערע.

דער קלימאַט איז אַ סוב־טראָפּישער: גאָר אַ סך רעגן. דאָס איז איינער פון די וואַרעמסטע פלעצער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. אפילו אין דעם קאַלטסטן חודש פעברואַר טרעפט זעלטן פרעסט און שניי. 120 טעג פון יאָר רעגנט. די מערסטע רעגנס פאַלן אין סעפּטעמבער און נאָוועמבער. די לופט איז פייכט און שטיקנדיג, ווי אין ספּעקטן (אָראַנזשערייען). נאָר אָפט בלאָזן און וויען קילע ווינטן פון ים אָדער בערג. אין באַטום וואַקסן

אונטער'ן פרייען הימל פּאַלמעס, מאַגנאָליעס, לימענעס, מאַראַנצן, מאַנ־דארינען, א. אז. וו.

באַטום פאַרמאָגט אַ סך בילדונגס־אַנשטאַלטן: אַ פּעדאַגאָגישער אינסטיטוט, אַן אַגראָנאָמישער טעכניקום, אַ טעכניקום צו מאַכן זייד, צענט־ראַלע שטאָט־ביבליאָטעק, פּאַרק פון קולטור און אָפּרו, אויסער קינדער־שולן, מיטל־שולן, ציטונגען אין דער אַדזשאַרישער, גרוזינישער און אַנ־דערע שפּראַכן, א. אז. וו. זי איז אַן אַלטע שטאָט — נאָך געווען פאַרנומען פון גריכן און רוימער. אין מיטלאַלטער געווען באַהערשט פון קאַווקאַזער פירשטן. אָנהויב 17טן יאָרהונדערט — פון טערקן. אין 1878 אַריבער צו רוסלאַנד. לויט'ן ברעסקער אָפּמאַך אין 1918 אַריבער צו טערקיי. אין 1919 פאַרנומען געוואָרען פון די ענגלענדער, ווי באַקו און אַנדערע שטעט. אין 1920 האָבן די ענגלענדער איבערגעגעבן די שטאָט צו דער גרוזינישער מענשעוויסטישער רעגירונג פון זשאָרדאַניאַ. און ערשט אין 1921 האָט זיך דאָרטן איינגעשטעלט די סאָוועטן־מאַכט.

לעבן פּאַרט געפינט זיך די אַזיוועראָפּעע „אַלטע" שטאָט מיט ענגע גאַסן און קליינע קרעמלעך און וואַרשטאַטן. פאַראַן נאָך אַ גאַנצע „אויל־שטעטל" מיט אויל־ראַפינירזאַוואָדן און מיט אייזערנע קעראָסין־ציסטער־נעס. אַרום שטאָט געפינען זיך די באַרימטע דאַטשע־פּלעצער, ווי מאַרינ־דזשאַאורי און „זעליאָני מיס". אין לעצטן פּלאַץ האָב איך זיך געפונען 4-5 טעג אויף דער באַזע פון „אָפּטע".

באַלד דערנעבן געפינען זיך די 70 העקטאַר פון דעם וויסנשאַפטלעכן באָטאַנישן גאָרטן, איינער פון די אינטערעסאַנטסטע און ווערטפולסטע אין דער וועלט. ער איז געגרינדעט געוואָרן אין 1912 פון פּראָפעסאָר א. ה. קראַסנאָוו, וועמעס קבר און מאָנומענט געפינען זיך טאַקע אין דעם גאָרטן. (אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אַליין געפינט זיך בלויז איין ענלעכער פּלאַץ. דאָס איז דער אַזיוועראָפּעער ניקיטסקער באָטאַנישער גאָרטן אין קרים.)

און באַלד הינטער'ן באָטאַנישן גאָרטן, 1 קילאָמעטער פון באַטום, געפינט זיך די אייזנבאַן־סטאַנציע „טשאַקווע", וואָס איז באַרימט אין דעם גאַנצן פאַרבאַנד צוליב די אָרטיגע טיי־פּלאַנטאַציעס.

„זעליאָני מיס"

פון באַטום זיינען ביי מיר פאַרבליבן זייער אינטערעסאַנטע דערינע־רונגען. אָנקומענדיג מיט דער באַן קיין באַטום, געדענק איך, צום ביי־שפּיל, האָט מיך פאַרוואונדערט דער אויפשריפט אויף אַ וואַגאָן, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ רעזערוו־ליניע: „פּאָסט־אינספּעקטאָרן פון דער פּיאָנערן־אָרגאַניזאַציע". נו, פּיאָנערן, האָב איך געוואוסט, זיינען סאָוועטישע קינדער אין עלטער פון 5-6 ביז 12-13 יאָר. האָב איך ניט געקענט פאַרשטיין די שייכות פון די פּיאָנערן צו דער פּאָסט־אינספּעקציע. דער־

קלערט מען מיר, אז איך לעב נאָך אַלץ מיט „אויסלענדישע" באגריפן. אין סאָוועטן־פארבאנד הויבט מען אָן דערציען נאָך פון קינדהייט צו זיין שפּעטער פייאיג איבערצונעמען אַלע מלוכה־פונקציעס. און די פּיאָנערן שיקן דעריבער ארוים פארשטייער צו אונטערזוכן און זיך באקענען מיט יעדן איינציגן מלוכה־געביט, ווי אינדוסטריע, האנדל, בילדונג, טראַנספּאָרט, פּאָסט, א. אז. וו. די פארטרעטער ברענגען דערנאָך א באריכט פון זייער אונטערזוכונג, וואָס ווערט ארויסגעשיקט צו אַלע פּיאָנערן־אָרגאַניזאַציעס אין לאַנד. אין באריכט ווייזן די אונטערזוכער אָן אויף די פעלערן און מאכן רעקאָמענדאַציעס וויאַזוי צו פארבעסערן דעם געהעריגן מלוכה־אַפּאַראַט. אין דעם פאַל האָב איך זיך עס אָנגעשטויסן אין באַטום אָן א פּיאָנערישער דעלעגאַציע פון פּאָסט־אינספּעקטאָרן. זיי פאָרן ארום אין א ספּעציעלן וואַגאָן און שטעלן זיך אָפּ צוליב זייערע אויספאָרשונגען אין אַלע וויכטיגע צענטערס פון לאַנד.

פון דער שטאָט אַליין איז מיר פארבליבן אין געדאַנק דער פּראַכטפולער וואַסער־פראָנט, דער ברעג־ראַנד פון דעם האַפן, וואָס ציט זיך ווי א פּאָדקאָווע. די סאָוועטן־מאַכט האָט דעם וואַסער־פראַנט פארוואַנדלט אין פּרעכטיגע אַלייען און פּאַרקן מיט פּאַלמען און אַנדערע סוב־טראָפּישע פלאַנצן. ער איז געוואָרן א שפּאַציר־פּלאַץ, א מין באָרדוואָק און פּראָמענאַדע ביי דעם ים־ברעג. און אין האַפן זיינען אַלעמאָל געווען א סך פארשיידענע שיפן, אריינגערעכנט אויסלענדישע, וואָס האָבן צוגעגעבן דער שטאָט אַן אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער.

בין אויך געווען אַנטציקט פון דעם באמת קולטורעלן שטאָטישן „פּאַרק פאַר קולטור און אָפּרו", פון די אָריגינעלע בודקעס פאַר די פּאַרקער (טרעפּיק)־מיליציאָנערן אין דער פאָרם פון גרויסע שירעמס, געמאַכט פון באַמבוק־שטעקלעך, און פון די אומגעוויינלעך־ציכטיגע ברוק־שטיינער, וואָס פלעגן שטענדיג אויסקוקן, ווי מ'וואָלט זיי ערשט אויסגעצוואָגן און אויסגעשייערט. דאָס פלעגן אין דער אמת'ן אויפטאָן די אָפּטע רעגנס אין באַטום. אויף דעם ברוק האָט מען געקאָנט זאָגן, וואָס מען זאָגט אויף א זייער ציכטיגער באַלעבאָסטע, אַז ביי איר אין הויז קאָן מען עסן פון דעם דיל. שטיינער זיינען דאָרטן געוואָרן מיין שוואַכקייט. אויפ'ן ביטש פון „זעליאָני מיס", צום ביישפּיל, איז ניט געווען קיין זאַמד, נאָר מיליאָנען שטיינדלעך פון די וואונדערלעכסטע פאָרמען, קאָלירן און אוזאָרן. דער ים האָט זיי ארויסגעשווענקט און נאָכאַנאַנד געשלייפט און פּאָלירט. פלעג איך אַלעמאָל ארומטראָגן פולע קעשענעס מיט די שטיינדלעך, זיי אפילו געבראַכט קיין קיעוו און זיך חדשים לאַנג מיט זיי געהאַלטן און געצאַצקעט.

אין באַטום, באַזונדערס אין די קוואַרטאַלן פון די אַדזשאַרצעס, וואָס זיינען מאַכמעדאַנער, ווי די באַפעלקערונג פון דער שכנות'דיגער טערקיי, האָב איך געזען דערוואַקסענע און אַלטע מענער פארטרייבן די צייט דורך

דרייען ארום פינגער קרענצלעך פאַטשערקעס, מיט וואָס זיי האָבן זיך ניט געקענט שיידן, ווי רויכערער מיט זייערע סיגאַרעטן אָדער גאָם־עסער מיט זייער טשואינג־גאָם.

אין „זעליאָני מיס", געדענק איך, האָבן מיר אין דער פינסטער פון דער נאַכט באַאָבאַכטעט אַ שטורעם אויפ'ן שוואַרצן ים. אונז האָט זיך אָפט געדוכט, אַז די צאָרנדיגע ריזיגע כוואַליעס וועלן אַראָפּשווענקען די דאַטשע־געביידעס פונ'ם בערגל ביים ים־ברעג, וואו די באַזע פון „אָפּטע" האָט זיך געפונען. כ'האָב אַגב שפּעטער דורכגעלעבט נאָך צוויי שטורעמס פאַרנדיג 4 טעג מיט דער שיף אַהיים פון באַטום ביז אָדעס פאַרביי די באַרימטע קאַווקאַזער שטעט און קוראָרטן, ווי סוכום, סאָטשי, כאָסטע, גאַגרי, נאָווי אַפאָן, און די קרימער שטעט און קוראָרטן, און נאָך 4 טעג פון אָדעס ביז קיעוו מיט'ן דניעפּר.

דער באָטאַנישער גאָרטן

אַ גרויסן אָרט אין מיינע דערינערונגען פאַרנעמען אויך דער באָטאַנישער גאָרטן און טשאַקווע, וואָס פאַרדינען מען זאָל זיך וועגן זיי גענויער אָפּשטעלן.

דער באָטאַנישער גאָרטן לעבן באַטום האָט אפשר פאַרמאָגט די גרעסטע קאָלעקציע פלאַנצן אין דער וועלט. דאָרטן זיינען געווען מוסטערן פון דער גאַנצער פלאַנצן־וועלט פון קאַווקאַז, די רייכסטע פון די סאָוועטישע פּראָווינצן. אויסער דעם זיינען דאָרטן געווען אַ יאַפּאַנער, מעקסיקאַנער און אַנדערע אָפּטיילן. אין גאָרטן זיינען געוואַקסן פלאַנצן פון אויסטראַליע, ניי־זעלאַנד, הימאַלאַיען, פאַראייניגטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע, טשילי, כינע, פון מיטללענדישן ים־געביטן און נאָך אַנדערע לענדער.

דער יאַפּאַנישער אָפּטייל איז געווען גרעסער און רייכער ווי דער ענלעכער אָפּטייל אין ברוקלינער באָטאַנישן מוזיי, צום ביישפּיל. דער אָפּטייל איז געווען אויסגעמייסטרעוועט מיט די כאַראַקטעריסטישע ווענט, באַמבוק־בריקן, קווער־גאָרנדיגע הייזער, רייז־פלאַנטאַציעס, „טשערי בלאָסאָמס" און אַלע אַנדערע עקזאָטישע אייגנשאַפטן פון דער יאַפּאַנער לאַנדשאַפט.

דער מעקסיקאַנישער אָפּטייל איז געווען רייך פאַרפלאַנצט מיט די כאַראַקטעריסטישע אָרימע געוויקסן פון די מעקסיקאַנער מדבר־שטרעקעס. דאָרטן זיינען געווען טויזנטער קאַקטוס־פלאַנצן, אַ אמת'ער קאַקטוס־גן עדן, פון די גרעסטע און שענסטע ביז די קלענסטע און משונה'דיגסטע, ווי אויך מוסטערן פון די אַנדערע געוויקסן אין מעקסיקאָ און אין ענלעכע

לענדער און קלימאטן.

דער באטאנישער גארטן האט פארמאגט טויזנטער סארטן קאווקאזער פלאנצן. דער גאיד פון דער עקספערימענטאלער סטאנציע אין דעם גארטן האט איבערגעגעבן אונזער גרופע עקסקורסאנטן און טוריסטן, אז א סך פון די געוויקסן האבן א גרויסע אינדוסטריעלע אדער מעדיצינישע באַדייטונג.

מיר האבן געזען א סך בוימער, ווי יעווקאליפטן, טאנגסטען (פון וואס עס ווערן געמאכט פראפעלערס און אנדערע עראפלאן־טיילן), דעמבעס, צעדער, יעל, בוק, קאשטאן, א. א. פרוכט־בוימער: עפל, בארן, פלוימען, קארשן, וואלטשענע ניס, פערסיקעס, אבריקאסן, גראנאטן, מילגרוימען, אינזשיר, אייווא, א. א. גומי־פלאנצן: סקארצאנערן, כאנדרילן, סאגיז, א. א. רפואות־געוויקסן: בעלאדאנא, קאמפער־בוימאויל, לארבער־קארשן, כינין, גערעאניום, וואלעריאנקעס, א. א.

מיר האבן געזען פאלמעס־אלייען, מאגנאליעס־אלייען, קאמעליעס־אלייען. די גרעסטע און פארביגסטע בלומען־גירליאנדעס, וועראנדעס און חופות. געווען דארטן אויך מערקווירדיגע בוימער. איין בוים, צום ביישפיל, פלעגט בלויז איינמאל אין 50 יאר זיך פאנאנדערבליען מיט בלומען און נאכדעם שטארבן. כ'האב דארטן אויך געזען אן ארומגעצאמטן בוים, וויל פון אנרירן אים ווערט מען קראנק. געזען אויך גומי־בוימער. ווען איר פלעגט צערייסן א בלעטל פון אזא בוים האט איר געפילט אפילו אין האנט די עלאסטישקייט פון די בלעטער־פעדים, וואס האבן זיך געצויגן ווי גומי.

דער גארטן האט א קיילעכדיגן יאר געבליט. געווען פלאנצן און בוימער און בלומען, וואס פלעגן בליען דריי און מער מאל דורכ'ן יאר. די פיל־קאלירנדיגע בליטן האבן אייך געבלענדט די אויגן און דער בלומען־אראמאט האט אייך פאר'שכור'ט. דער גאיד האט אונז נאך דערציילט, געדענק איך, אז אין יאנואר, לאמיר זאגן, פאלט אמאל א שניי. ער האלט זיך טאקע ניט לאנג, געציילטע שעה'ן, אבער אין דער קורצער ווילע קאן מען דארטן זען די וואונדערלעכסטע פאנאראמע. שטעלט אייך פאר, אז דער באדן איז אינגאנצן ווייס־געדעקט מיט שניי און איבער'ן שנייאיגן באדן זעט איר פאר זיך א צעגרינטן גן עדן מיט די שענסטע, פארביגסטע בליעכצן און בלומען אין זייער פולער פראכט און גלאנץ. באמת א מערקווירדיגע זעאונג.

ביים אריינגאנג אין באטאנישן גארטן האב איך אגב דערזען הויכע באנאנע־קוסטעס מיט זייערע גרויסע גרינע בלעטער. די באנאנעס זיינען דארטן געוואקסן ווילד און קליין אין פארגלייך מיט די באנאנעס, וואס מיר עסן אין אמעריקע. צוליב געוויסע קלימאטישע אורזאכן, האט מען

מיר דערקלערט, קאָנען דאָרטן די באַנאַנעס ניט רייף ווערן. זיי וואַקסן בלויז ווי אויף בייז־וואונדער, אָבער קיין שפּייז פאַר׳ן מענטשן דערלעבן זיי ניט ווערן. וואָס די אורזאַכן זיינען — געדענק איך שוין ניט. מען פלאַנצט די באַנאַנעס פאַר דעקאָראַטיווע צוועקן, ווי עס זיינען גוואַלדיג פאַרשפּרייט אין גרויזע די פּאַלמעס, וואָס באַצירן די פּאַרקן, גאַסן, וועגן, סאַנאַטאָריעס און געביידעס.

אָבער דערפאַר האָבן זיך באַלד הינטער דעם באָטאַנישן גאָרטן אָנגע־הויבן גרויסע פּלאַנטאַציעס פון ציטרוס־פּרוכטן, מאַנדאַרינען, אַפּעלסינען, ציטרינען, אָבער ניט קיין גרעיפּ־פרוכט. ווי אַ געקומענער פון אַמעריקע, האָב איך חשק געהאַט צום נייעם געשאַפענעם, זעלטענעם פרוכט פון באַ־רימטן בוירבענק. דער סאָוועטישער בוירבענק הייסט מיטשורין. אָבער ערשט נאָכ׳ן קומען פון דער רייזע צוריק קיין קיעוו, געדענק איך, האָב איך געלייענט אין דער „מאָסקאָו ניוס״, אַז סטאַלין האָט געקראָגן צוגעשיקט די ערשטע סאָוועטישע גרעיפּ־פרוכט פון די קאַווקאַזער עקספּערימענטאַלע פּלאַנטאַציעס. צווישן די אַפּעלסינען האָט מען מיר אָנגעוויזן, האָט דער סאַמע פאַרשפּרייטסטער סאָרט אין גרוזיע געהייסן „וואַשינגטאָן״. געווען אַפילו אַ סאָרט מאַראַנצן אָדער פּאָמעראַנצן, וואָס האָט געהייסן „יאַפּסקע״ אויפ׳ן נאָמען פון דער שטאָט יפו אין פּאַלעסטינע.

אַ גרויסער חידוש זיינען פאַר מיר אויך געווען די שלאַנקע, שטאָלצע באַמבוק־וועלדער אין דער געגנט פון די ציטרוס־פּלאַנטאַציעס. דאָרטן האָבן זיך געפונען באַמבוק־ביימער פון פאַרשיידענער גרעב און הויך, וואָס זיינען באַנוצט געוואָרן צו מאַכן מעבל און פאַר אַ סך אַנדערע אינדוסט־ריעלע צוועקן.

די טשאַקוואַ טיי־פּלאַנטאַציעס

אָבער דעם גרעסטן איינדרוק האָבן אויף מיר געמאַכט די טיי־פּלאַנ־טאַציעס, וואָס האָבן זיך געפונען בשכנות מיט די באַמבוק־וועלדער. פון אָנהויב האָב איך זיך אמת געפילט ווי אַנטוישט. די טיי־פּלאַנטאַציעס באַ־שטייען פון אָן אַ שיר נידעריגע קוסטעס, געדיכט איינער לעבן דעם אַנדערן, מיט אַ סך גרינע בלעטלעך, וואָס האָבן ניט קיין שום טעם און ריח. עס פעלט אייך אַפילו ניט איין, אַז אָט־די גאַנץ היפּשע בלעטלעך ווערן עס פאַרוואַנדלט אין די פּיטשיניאָנטשינקע טייעלעך, וואָס איר פאַרבריט און מאַכט דערפון דעם עקזאָטישן און נאָבעלן טיי, כאָטש אין רוסלאַנד און אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז דאָס אַלעמאָל געווען דער סאַמע דעמאָקראַ־טישסטער געטראַנק.

נאָך אַלס קינד, געדענק איך, האָב איך ליב געהאַט צו זאַמלען די באַרימטע וויסאָצקי'ס בלעכענע טיי־פּושקעלעך מיט די „לובאַטשנע" נע־מעלן פון יאַפּאַנישע באַפּעכערטע געישע־מיידלעך מיט די אויסטערלישע יאַפּאַנישע בוכשטאַבן און רוסישן אויפשריפט „ציילאָנסקי טשאַי". אָבער דאָ האָבן אַ סך פרויען און מענער געקליבן די טיי־בלעטלעך אין זעק, ווי מען קלייבט קאַטן. כ'האָב אויך באַמערקט, אַז זיי רייסן ניט אָפּ אַלע בלעטלעך פּאַראַמאַל, בלויז אַ געוויסן סאָרט. טאָג נאָך טאָג, חדשים לאַנג, ווערן נייע בלעטלעך רייף און מען רייסט זיי אָפּ און מען קלייבט זיי צונויף. כ'האָב געוואָלט וויסן, פאַרוואָס זיינען פאַראַן אַזוי ווייניג טיי־פּלאַנטאַ־ציעס און בלויז אין געציילטע פּלעצער אויף דער וועלט. האָט מען מיר אָנגעוויזן אויפ'ן ערד־באָדן פון די טיי־פּלאַנטאַציעס, וואָס איז געווען מאָדנע רויט און אויסגעקוקט, ווי רויטער זשאַווער. די אומגעוויינלעך־גרויסע צאָל רעגנס אין דער סוב־טראָפּישער געגנט האָבן אין משך פון הונדערטער יאָרן אינגאַנצן אַרויסגעשווענקט און באַזייטיגט פון דעם באָדן די קאַלך אָדער קאַלציום, האָט מען מיר געזאָגט. און בלויז אויף אַזאַ באָדן קאָנען די טיי־בלעטלעך וואַקסן.

טיי — איז אַן אייביג־גרינער קוסט, וואָס לעבט פון 50 ביז 70 יאָר. אויב מען זאָל דעם קוסט ניט אַרומשניידן, קאָן ער אויסוואַקסן ביז דריי מעטער די הויך. כדי מ'זאָל לייכטער קאָנען קלייבן די טיי־בלעטלעך, שניידט מען אַרום די טיי־קוסטן אויף די פּלאַנטאַציעס. געוויינלעך גיט מען זיי צו אַ האַלב־אָוואַלע פאָרמע און מען לאָזט זיי ניט וואַקסן העכער פון 70 סאַנטימעטער.

אויף אויסאַרבעטן טיי באַנוצט מען בלויז די אַזויגערופענע „פלעשן" — די יונגע שפּראָץ־ריטלעך, געוויינלעך מיט צוויי־דריי בלעטלעך, וואָס האָבן זיך נאָך ניט באַוויזן אינגאַנצן צעעפענען. די „פלעשן" באַווייזן זיך אויף די טיי־קוסטן אין דער צייט פון מאַי ביז נאָוועמבער. דאָס איז אויך דער סעזאָן פון טיי־אַראָפּנעמ. די „פלעשן" דאַרף מען אָפּרייסן, אַזוי שנעל ווי זיי באַווייזן זיך. אויב מען זאָל אויף עטלעכע טעג זיך פאַר־שפּעטיגן, ווערן די צאַרטע שפּראָצן פאַרגרעבט און טויגן שוין ניט פאַר אויסאַרבעטן די הויכע סאָרטן טיי. און אויב מ'זאָל אויף אַ סך פאַר־שפּעטיגן, וועלן די „פלעשן" אינגאַנצן מער ניט טויגן פאַר אויסאַרבעטן טיי. דעריבער קלייבט מען די טיי־בלעטלעך דעם גאַנצן סעזאָן אָן אויפ־הער.

די בלעטלעך פון טיי־קוסט זיינען אויך רייך מיט טאַנין, קאַפעאין און עפּירנעם אויל. דער טאַנין גיט אים צו טערפּקעקייט, דעם כאַראַקטעריס־טישן קאָליר און געשמאַק. דער קאַפעין האָט אַ סטימולירנדיגע ווירקונג און דער עפּיר גיט אים צו דעם אַנגענעמען אַראָמאַט. אָט־די אַלע ווערטפולע שטאָפן געפינען זיך מער פון אַלץ אין די אַזויגערופענע „פלעשן".

כ׳האָב זיך געפונען אין דער באַרימטער טשאַקוואַ־געגנט, אויפ׳ן באָדן פון גרעסטן טיי־סאָווכאָז ניט נאָר אין דער אַדזשאַרישער רעפּובליק, נאָר אין דעם גאַנצן סאָוועטן־פאַרבאַנד. דער רום פון טשאַקוואַ ציט זיך נאָך פון פאַר דער רעוואָלוציע. אין 1895 זיינען שוין דאָרטן געווען 400 העקטאַר טיי־פּלאַנטאַציעס און מען האָט געבויט דאָס ערשטע טיי־פאַב־ריקל. אָבער די סאָוועט־רעגירונג האָט זיך גענומען מיט די פינף יאָר פּלאַן טעמפּן אויך צו דעם געביט און בשעת מיין באַזוך זיינען שוין דאָרטן געווען צוויי פון די גרעסטע, מאָדערנסטע טיי־פאַבריקן אויף דער וועלט און איבער אַ מיליאָן העקטאַר טיי־פּלאַנטאַציעס, אויסער די צענדליגער טויזנטער העקטאַר ציטרוס־פרוכטן, באַמבוק־וועלדער און אַנדערע וויכטיגע טראָפּישע פּלאַנצן.

אין סאָווכאָז האָבן געאַרבעט און געוואוינט הונדערטער, אויב ניט טויזנטער מענטשן. ער האָט אויך פאַרמאָגט בילדונג־אַנשטאַלטן, ווי אַ „פּאַבזאַוואָוטש”־טעכניקום, אַ פיליאַל פון דעם אַלפאַרבאַנדישן אינסטי־טוט פון טיי־ווירטשאַפט, קורסן פאַר טראַקטאָריסטן, א. אז. וו.

ביז גאָר אינטערעסאַנט איז געווען מיין באַזוך אויף איינער פון די טיי־פאַבריקן. אַ גאַיד האָט מיך צוזאַמען מיט אַ גרופּע טוריסטן געפירט פון איין אָפּטיילונג אין דער צווייטער. מיר האָבן געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקאָנען מיט׳ן גאַנצן פּראָצעס פון דער טיי־פּראָדוקציע.

ביים אָנקומען אויף דער פאַבריק, גייט דאָס טיי־בלעטל דורך די ער־שטע סטאַדיע פון איבעראַרבעטונג — פאַרוועלקונג. דאָס טיי־בלעטל גייט דורך דעם עסק אין ספּעציעלע קאַמערן מיט דער הילף פון אָנגעוואַ־רעמטער לופט אין 4 ביז 6 שעה. ביים פאַרוועלקן טריקנט אויס דאָס בלעטל און פאַרלירט די איבעריגע פייכקייט. דערנאָך גייט דאָס טיי־בלעטל דורך די סטאַדיע פון פּרעסן, צונויפפּרעסן און צונויפוויקלען אויף קאָמפּלי־צירטע מאַשינעס — „ראָלערן”. ביים צונויפדריקן דאָס טיי־בלעטל גייט אַרויס דער זאַפט אינדרויסן און קומט אין באַרירונג מיט דער לופט. דאָס פאַראורזאַכט אַ פאַרזויערונג און אַן ענדערונג אין דעם שטאָפן־צוזאַמענ־שטעל פון דעם בלעטל. דאָס צונויפגעוויקלט בלעטל קומט נאָך שפּעטער אַריין אין דער ספּעציעלער פערמענטאַציע־אָפּטיילונג, וואו אין דעם צוזאַ־מענשטעל פון בלעטל קומען פאָר קאָמפּליצירטע כעמישע ענדערונגען. דאָ באַקומט דאָס בלעטל אַ רויטלעכן קאָליר און דעם כאַראַקטעריסטישן טיי־דופט. דער לעצטער עטאַפּ פון דער איבעראַרבעטונג פון בלעטל איז דאָס טריקענען. פון דעם אויוון פאַר טריקענען, וואו די טעמפּעראַטור ווערט אַלעמאָל אויפגעהאַלטן פון 62 ביז 80 גראַדוסן, גייט שוין אַרויס דער שוואַרצער אָדער רויער טיי — אַ האַלבפאַבריקאַט. כדי צו פאַרוואַנדלען אין די סטאַנדאַרטנע פאַבריק־מינים ווערט ער סאָרטירט און „קופּאַזשירט”, וואָס מיינט — ער ווערט אויסגעמישט מיט אַנדערע סאָרטן. ווי איר זעט

גייט דאָס טיי־בלעטל נעבעך דורך שבעה מדורי גיהנום.

אין געציילטע ווערטער איז דער פּראָצעס באַשטאַנען אין פאָלגנדיגן: די בלעטלעך האָט מען אריינגעוואָרפן אין מאַשינעס, וואָס פלעגן זיי לאַנגזאַם ווי צעמאָלן, אָבער אין דער אמת'ן בלויז צונויפקנוילן, צונויפקייקלען, צונויפּוויקלען, ווי מען וויקלט אַ ציגאַר. די צונויפגעקייקלטע טיי־בלעטלעך האָט מען דערנאָך אויסגעשפּרייט אויף לאַנגע פּאָליצעס און זיי געלאָזט זיך טריקענען אַ באַשטימטע צייט מיט דער הילף פון עלעקטרע אונטער די געוויסע געהעריגע טעמפּעראַטורן, ווי אין ספּעקטן. שפּעטער האָט מען זיי סאָרטירט, פאַרפּאַקט אין זעקלעך, פּעקלעך און קעסטלעך און צעשיקט אין אַלע עקן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, און מעגלעך אויך קיין אויסלאַנד.

ווי אין די אַמעריקאַנער סוויפט'ס פלייש־פאַבריקן אין שיקאַגאָ, אָדער אין העינצ'עס פאַבריקן אין פּיטסבורג, וואו מען האָט מיר געגעבן פאַרזוכן פון דער פּראָדוקציע פון דער באַזוכטער פאַבריק פאַר מיין אַוועקגיין, האָט זיך די עקסקורסיע איבער דער סאָוועטישער פאַבריק אויך געענדיגט מיט'ן מכבד זיין אַלע געסט מיט דעם פיינעם שמעקעדיגן טיי פון דעם גאָט־געבענטשטן טשאַקווא־סאָווכאָז.

דאָס איז געווען, ווי די אַמעריקאַנער זאָגן, די ענדע פון אַ פּערפעקטן טאָג. און דערמיט פאַרענדיגן מיר די פאַרצייכענונגען פון אַן אומפאַרגעסלעכער רייזע איבער דער סאָוועטישער קאַווקאַז.

פאַרקלענערט בילד פון גראַפּער'ס הילע־צייכענונג אויפ'ן בוך „אַ מיידל פון מינסק"

דער בריליאַנט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד

די צאַרישע משרתים האָבן ליב געהאַט אָנצורופן גרוזיע אַ בריליאַנט אין דער אימפּעראַטאָרסקער רוסישער קרוין. זיי האָבן אָבער, פאַרשטייט זיך, פאַרשוויגן דעם פאַקט, אַז דער „בריליאַנט" איז געווען פאַרגאָסן מיט די טרערן און בלוט פון די גרוזינישע פאָלקס־מאַסן. אָן אמת'ער בריליאַנט איז גרוזיע געוואָרן בלויז אין דער סאָציאַליסטישער מלוכה פון אַרבעטער און פּויערים.

די נאַטירלעכע רייכטימער פון דער גרוזינישער אַלפאַרבאַנדישער סאָציאַליסטישער סאָוועטישער רעפּובליק איז ניט אויסצורעכענען. איר געפינט דאָרטן מאַרגאַנעץ, קוילן, אויל, סלאַנצן, מאָליבדען, גאָלד, באַריט, מאַרמאָר, גראַניט, מישיאַק, צינק, וואָלפראַם, טוף, ווערטפולע וואַלד־חיות, פעלן, א. אז. וו.

ביז דער רעוואָלוציע זיינען אין גרוזיע כמעט ווי ניט געווען קיין גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. אונטער די סאָוועטן איז דאָרטן די אינדוסטריע געוואָרן דער פירנדיגער געביט פון דער פאָלקס־ווירטשאַפט פון דער רעפּובליק. אויב די פּראָדוקציע פון דער שווערער אינדוסטריע האָט אין יאָר 1913 באַטראָפן 43 מיליאָן רובל האָט זי זיך אויפגעהויבן ביז אַ ביליאָן רובל אין יאָר 1939.

גרוזיע איז אַרומגעגאַרטלט מיט עלעקטרישע סטאַנציעס. דער טקוואַרטשעלגרעס אַליין קאָן פּראָדוצירן ביז 100 טויזנט קילאָוואַט אין דער צייט וואָס ביז דער רעוואָלוציע האָבן אַלע עלעקטרישע סטאַנציעס פון גרוזיע פּראָדוצירט בלויז 20 טויזנט קילאָוואַט. אין 1938 האָט די מעכטיגקייט פון די עלעקטרישע סטאַנציעס אין גרוזיע דערגרייכט ביז העכער 171 טויזנט קילאָוואַט.

דער טשיאַטורער מאַרגאַנעץ פון גרוזיע איז באַרימט אויף דער גאָרער וועלט. אין 1937 האָט מען אויסגעגראָבן העכער 160 טויזנט טאָן מאַרגאַנעץ, כמעט צוויי מאָל אַזויפיל ווי אין יאָר 1913.

גרוזיע פאַרמאָגט אויך אייגענע קוילן. אין 1937 האָט מען אויסגעגראָבן 397 טויזנט טאָן קוילן אַנשטאָט די 71 טויזנט טאָן פון 1913.

סאָוועטישע געאָלאָגן האָבן אויך אויסגעפאָרשט די אויל־פעלדער אין קאַכעטיע און גוריע. זיי האָבן געשאַצט די אויל־זאַפּאַסן אין 415 מיליאָן טאָן.

די גרעסטע סאָוועטישע אויל־ראַפינירן זאַוואָדן אין באַטום אַרבעטן איבער יעדן יאָר העכער דריי מיליאָן טאָן רויען אויל.

אין גרוזיע זיינען אויסגעבויט געוואָרן ריזיגע מאַשין־בוי זאַוואָדן, און די פאַבריקן, וואָס זיינען געבליבן פון פאַר דער רעוואָלוציע, האָט מען גרינטלעך איבערגעבויט. אויף די זאַוואָדן לאָזט מען אַרויס מאַשינעס, וואָס מען האָט ביז דער רעוואָלוציע אינגאַנצן ניט געמאַכט אין רוסלאַנד: מאַשינעס פאַר די טיי־פאַבריקן, פאַר אויסאַרבעטן וויין, פאַר די זייד־און טעקסטיל־פאַבריקן.

אין יאָר 1935 האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן: דער אווטשאַלער זאַוואָד, וואָס פּראָדוצירט יערלעך 8 מיט אַ האַלב טויזנט טאָן טשוגון און שטאָל, און דער זאַוואָד פון טאָקער־מאַשינעס אין טביליסי, ווי טיפליס הייסט אויף גרוזיניש. אין 1933 איז אויך אויפגעבויט געוואָרן דער זעסטאַפאָנער מע־טאַל־זאַוואָד, וואָס האָט אין 1939 אַרויסגעגעבן פּראָדוקציע אויף דער רי־זיגער סומע פון העכער 52 מיליאָן רובל.

פאַר די יאָרן פון דער סאָוועטן־מאַכט האָט מען אויך געשאַפן מעכטיגע אונטערנעמונגען צו פּראָדוצירן שפּייז, אַ מעכטיגע לייכטע אינדוסטריע. די זייד־וועברישע פאַבריקן האָבן נאָך אין 1938 שוין געגעבן דעם לאַנד פיר מיט אַ האַלב מיליאָן מעטער זייד און די טאַבאַק־פאַבריקן — פינף ביליאָן מיט 417 מיליאָן פּאַפּיראָסן.

אין טיפליס האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אַ ריזיגע שיך־פאַבריק, וואָס פּראָדוצירט פיר מיט אַ האַלב מיליאָן פּאָר שיך אַ יאָר. איר פּראָדוקציע איז אין יאָר 1939 געשאַצט געוואָרן אין העכער 26 מיליאָן רובל. עס האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אַ ריזיגער קאָמבינאַט פאַר שאַמפּאַניער וויין, וואָס פּראָ־דוצירט יערלעך פיר מיליאָן פלעשער שאַמפּאַניער. די טוך־פאַבריק אין טיפליס האָט אין יאָר 1939 אַרויסגעלאָזט פּראָדוקציע אויף דער סומע פון נאָענט צו ניין מיליאָן רובל.

אין דער ריזיגער אינדוסטריעלער בויאונג איז פאַרקערפּערט געוואָרן די סאָוועטישע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק צו אויפהויבן די הינטערשטעליגע רעפּובליקן ביז צו דער שטופע פון די סאַמע פאָרגעשריטענע אינדוסטריעלע געגנטן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

ריזיגע ענדערונגען זיינען אויך פאָרגעקומען אין דעם גרוזינישן דאָרף, ווי מיר האָבן דאָס אויך געזען אויפ׳ן ביישפּיל פון די באַרג־אידן. צו די פּויערים פון גרוזיע האָט געהערט בלויז 27 פּראָצענט פון גאַנצן פאַרזיי־שטח. 36 פּראָצענט פון גאַנצן באָדן האָט געהערט דעם צאַרישן הויף.

איין אקער אויף 15 פויערישע הויפן, איין סאכע אויף דריי באלעבאטיש־קייטן — אזא איז געווען די „טעכנישע באוואפנטקייט” פון דער לאנדווירט־שאפט אויף קאווקאז אין 1921.

אבער צום ערשטן יאנואר 1940 זיינען שוין אין גרוזיע געווען 4,280 קאלכאזן, וואס האבן ארומגענומען 459,117 פויערשע קאלעקטיווע ווירט־שאפטן. די קאלעקטיוויזאציע האט דערגרייכט ביז העכער 92 פראצענט. די סאוועטן־מאכט האט איבערגעגעבן די קאלכאזן פון גרוזיע פיר מיליאן העקטאר ערד. און צום ערשטן יאנואר 1940 זיינען די קאלכאזן באדינט געווארן פון 54 מאשין־טראקטאר סטאנציעס. אויף די קאלווירטישע פעל־דער האבן געארבעט 2,368 טראקטארס, 441 קאמבאינען און 240 לאסט־אויטאמאבילן. עס זיינען אויפגעבויט און איבערגעבויט געווארן קאנאלן, וואס באוואסערן 250 טויזנט העקטאר. און פון 1940 ביז 1944 איז גע־פלאנעוועט געווארן צו בויען נאך א סיסטעם פון באוואסערונג־קאנאלן, וואס האבן געזאלט אפקאסטן העכער 86 מיליאן רובל.

גרוזיע האט אויך פארנומען א פירנדיגן ארט אין סאוועטן־פארבאנד אין דער פראדוקציע פון טיי, סובטראפישע, ציטרוס־און פרוכט־קולטורן, וויין, טאבאק, פיצוכט, פערדצוכט, בינען־צוכט, א. אז. וו.

אין יאר 1939 זיינען שוין אין די קאלכאזן און סאווכאזן פון גרוזיע געווען 47,144 העקטאר טיי־פלאנטאציעס. אין יאר 1913 זיינען געווען בלויז 894 העקטאר טיי־פלאנטאציעס. דאס הייסט א פארגרעסערונג פון 46 מאל אזויפיל. און צום סוף 1944 האט שוין געזאלט זיין ביז 60 טויזנט העקטאר טיי־פלאנטאציעס. עס זיינען אויפגעבויט געווארן 35 פון די גרעס־טע, מאדערנסטע טיי־פאבריקן.

פון 418 העקטאר אין 1913 האבן זיך די פלאנטאציעס פון ציטרוס־פרוכטן פארגרעסערט ביז 17,122 העקטאר אין 1940. דאסזעלבע האט פאסירט מיט אנדערע קולטורן, ווי טונג אדער טאנגסטען, וואס איז ביז דער רעוואלוציע אינגאנצן ניט אנטוויקלט געווארן. אפילו אין 1932 איז אין גאנץ גרוזיע געווען בלויז איין העקטאר פון די גוואלדיג־וויכטיגע בוימער־פלאנצן. און פאר דער מלחמה איז שוין אין גרוזיע געווען 15,800 העקטאר טונג־בוימער. דאסזעלבע האט פאסירט מיט אזעלכע וויכטיגע האלץ־מינים, ווי עווקאליפטן און פראבקע־בוימער, באמבוק, סעקוואיא, עאוקאמיע און אנדערע.

עס איז אויסגעבויט געווארן א ריזיגע קאנסערוון־אינדוסטריע. מען האט אנגעהויבן ארויסלאזן נייע סארטן קאנסערוון: קאמפאטן און איינ־געמאכטס פון שווארצע פלוימען, פעיכאא, אינזשיר, קינקאן, פרוכט־סאוסן און . . . גרעיפ־פרוכט, מיט וואס מען האט אנגעהויבן עקספערימענטירן ערשט אין 1932. אין יאר 1944 האט גרוזיע געזאלט ארויסגעבן סאקן,

זאַפטן (דזשוסעס) פון ציטרוס־פּרוכטן 40 מיליאָן קענדלעך און קאָנסערוון 15 מיליאָן קענדלעך. דאָס איז געווען דער אָנגענומענער פּלאַן פאַר דער מלחמה.

עס זיינען, גלויב איך, זייער אינטערעסאַנט אויך די פאָלגנדיגע נייעס־טע פאַקטן און ציפערן וועגן גרוזיע. בלויז דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אינסטיטוט אויפ׳ן נאָמען פון ל. פּ. בעריא אַליין האָט ביז׳ן יאָר 1939 אַרויסגעלאָזט 5,985 אַגראָנאָמען און אינזשינערן פון אַגריקולטור. אין דער צאָל זיינען געווען גרוזינער — 4,896, אַרמענער — 501, רוסן — 414, אַזערביידזשאַנער — 77 און פון אַנדערע פעלקער — 121.

דער גרוזינישער זאָאָ־וועטערינאַרן אינסטיטוט האָט אַרויסגעלאָזט 531 זאָאָ־טעכניקער און 401 וועטערינאַר־דאָקטוירים. אין 1939 זיינען אין גרוזיע געווען 33 לאַנדווירטשאַפטלעכע טעכניקומס, וואו עס האָבן זיך געלערנט 4,833 מענטשן.

פאַר די יאָרן פון דער סאָוועטן־מאַכט זיינען דערשינען אין גרוזיע 35 מיליאָן ביכער. איבער׳ן גאַנצן סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינען באַרימט דער גרוזינישער טעאַטער, די גרוזינישע קינאָ־בילדער (פילמס, מואווים), די גרוזינישע געזאַנגען און לידער.

דער אומגעוויינלעכער וואוקס פון דער גרוזינישער קולטור איז ענג פאַרבונדן ניט נאָר מיט דער אינדוסטריאַליזאַציע פון גרוזיע, נאָר אויך מיט׳ן וואוקס פון דער פאַרמעגלעכקייט פון די קאָלווירטן און קאָלווירט־ניקעס. אין 1936 זיינען אין דער גרוזינישער רעפּובליק געווען ניין מיליאָ־נערסקע קאָלווירטן. אין 1939 זיינען שוין געווען 37. דער געלט־איינ־קונפט פון די קאָלווירטן אין גרוזיע האָט באַטראָפן 79 מיליאָן רובל אין 1933. און אין יאָר 1939 איז שוין דער געלט־איינקונפט אויסגעוואַקסן צו דער קאָלאָסאַלער ציפער פון 458 מיליאָן רובל.

גרוזיע איז באמת געוואָרן דער בריליאַנט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד!

עפּילאָג

„דאָס וואָרט קאַווקאַז קלינגט ווי כשוף... דער גאַנצער סאָוועטן־פאַר־באַנד קעמפט פאַר זיין שטאָלץ — קאַווקאַז... ניט נאָר בערג וועלן די דייטשן דאָרטן אָנטרעפן, נאָר מענטשן. און די מענטשן וועלן ניט צוריקטרעטן. די מענטשן וועלן זיך פאַרוואַנדלען אין בערג...״ אַזוי האָט געשריבן איליא ערענבורג וועגן די מענטשן פון קאַווקאַז (נאָוו. 22, 1942).

און די העלדישע מענטשן פון קאַווקאַז האָבן געענטפערט —

אין אָרדזשאָניקידזע האָבן 3,000 דעלעגאַטן אַרויסגעלאָזט אַ רוף צו אַלע פעלקער פון צפון־קאַווקאַז צו שטעלן אַ פאַראייניגטן ווידערשטאַנד היטלער'ס הארדעס. ניין פאַרשיידענע פעלקער פון די בערג און סטעפּעס האָבן זיך פאַרזאַמלט ביים ברודער קבר פון די 17,000 קעמפער, וואָס זיינען געפאַלן אין די שלאַכטן פאַר דער סאָוועטן־מאַכט אין דער צייט פון בירגער־קריג. דעם מיטינג האָט געעפנט דער פאַרשטייער פון די סאָוועטישע קאָזאַקן גענעראַל מאַיאָר קניגאַ, אַ העלד פון דעם בירגער־קריג. ער האָט גערופן די באַרג־פעלקער פון קאַווקאַז, די קאָזאַקן און די איינוואוינער פון די סטעפּעס צו אַטאַקירן דעם שונא. (פון די צייטונגען אין סעפּט., 1942).

און די העלדישע מענטשן פון קאַווקאַז האָבן געענטפערט —

אין דער איצטיגער מלחמה, ווי אין דעם בירגער־קריג. אין דעם ביר־גער־קריג, ווי אין דער צייט פון שאַטאַ רוסטאַוועלי. ווייל דער קאַמף פאַר פרייהייט איז אויך די טעמע פון רוסטאַוועלי'ס ווערק, ווייל דער קאַמף פאַר פרייהייט איז אויך די טעמע פון דער רעוואָלוציאָנערער פּראָמעטעי־לעגענדע, ווייל די ליבע פון די רוסישע דיכטער פאַר קאַווקאַז איז די ליבע פאַר פרייהייט.

דער גאַנצער סאָוועטן־פאַרבאַנד קעמפט פאַר קאַווקאַז פּונקט ווי די מענטשן פון קאַווקאַז קעמפן פאַר'ן סאָוועטן־פאַרבאַנד. און פּונקט ווי דער קאָזאַקן־גענעראַל קניגאַ פאַרטיידיגט איצט קאַווקאַז האָט דער גרוזיני־שער אַרטילעריע־גענעראַל ל. סידזי פאַרטיידיגט מאָסקווע, ווי דאָס האָט אויך געטאָן דער אַרמענישער טאַנקיסט מיכאַאיל באַגדאַראַסיאַן. ווייל גרוזיע און אַרמעניע ווייסן אַז די פרייהייט פון מאָסקווע מיינט פרייהייט פאַר די גרוזינער און אַרמענער און אַזערביידזשאַנער, און אידן, א. אַז. וו.

און די העלדישע מענטשן פון קאַווקאַז האָבן געענטפערט —

פאַראַיאָרן איז דעם 7טן נאָוועמבער אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ פּאַראַד אויף'ן רויטן סקווער. דעם פּאַראַד האָט אויפגענומען דער גרוזין סטאַלין. דער ערשטער טאַנק אויפ'ן פּאַראַד איז אָנגעפירט געוואָרן פון דעם ארמענער מיכאאיל באַגדאַראַסיאַן. אויף מאָרגן האָט דער ארמענער שוין אַנטייל־גענומען אין אַ טאַנקן־שלאַכט און ארויסגעשליידערט די דייטשן פון אַ דאָרף הינטער מאָסקווע.

דער גרוזינישער העלד פון סאָוועטן־פאַרבאַנד מיכאאיל גאַכאָקידזע איז געפאַלן אין די שלאַכטן פאַר סעוואַסטאָפּאָל. ער האָט געוואָרפן גראַנאַטן אויף די דייטשן. ווען די גראַנאַטן זיינען אויסגעגאַנגען, האָט ער געשאָסן פון זיין רעוואָלווער. און ווען די קוילן זיינען אויסגעגאַנגען, האָט ער געשטאָכן די דייטשן מיט זיין באַיאָנעט. אין דער אַלטער רוסישער שטאָט רזשעוו האָט דער גרוזינער כאַנטשיבאַדזע ארויסגעגעבן דעם באַפעל: „באַערדיגט די טויטע! די לעבעדיגע, פאָראויס!"

דער אַזערביידזשאַנער הוסעין אַלאַיעוו האָט אַליין פאַרפירט אַ שלאַכט



רויט־אַרמייער יאָגן דעם שונא פון קאַווקאַז

מיט דריי פיינטלעכע עראָפּלאַנען. זיין קערפּער האָט באַקומען 17 וואונדן, אָבער זיין האַרץ איז געווען שטאַרקער פון אַ פעלז. ער האָט אַראָפּגעשאָסן אַלע דריי עראָפּלאַנען און געוואונען דעם קאַמף.

און די העלדישע מענטשן פון קאַווקאַז האָבן געענטפערט —

דער אַרמענער אַגראַם פּעטראָסיאַן איז געפייניגט געוואָרן פון די דייטשן. זיי האָבן אויסגעשניטן שטערן אויף זיינע באַקן, געריסן פון אים די האָר. פּעטראָסיאַן האָט אָבער קיין איין וואָרט פון זיין מויל ניט אַרויס־געלאָזט.

„גראָב דיין אייגענע גרוב", האָבן די דייטשן באַפוילן, אָבער פּעטראָ־סיאַן האָט מיט'ן רידל דערלאַנגט דעם דייטש איבער'ן קאָפּ און געכאַפּט גראַנאַטן און געוואָרפן אויף זיינע הענקער. איינער פון די דייטשע אָפי־צירן האָט פאַרוואונדעט פּעטראָסיאַנ'ען אין האַנט און קאָפּ. פּעטראָסיאַן האָט מיט זיין לעצטן כוח זיך אויף אים אַרויפגעוואָרפן און דערוואָרגן.

ער האָט דערנאָך געפונען אַ פלאַש מיט אויפריים־פליסיגקייט און אָנ־געהויבן צוריקקריכן צו די פּאָזיציעס פון דער רויטער אַרמיי. אויפ'ן וועג האָט ער אויפגעריסן אַן אַמוניציע־לאַגער און איז אַ דריטן מאָל פאַרוואונ־דעט געוואָרן. זיין האַס פאַר'ן שונא, זיין ליבע פאַר זיין לאַנד, איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט ניט געקענט שטאַרבן און טאַקע געבליבן לעבן.

די בערג און טאָלן פון קאַווקאַז זיינען איצט פאַרגאָסן מיט בלוט. דאָס וואַסער פון טערעק איז רויט פון בלויט. די דייטשן ווילן זיך אַריינ־רייסן אין האַרץ פון קאַווקאַז. זיי איזדעקעווען זיך איבער דער פרידלעכער באַפעלקערונג. זיי מאָרדן, פּלינדערן און שענדן. זיי טרוימען פון די אויל־פעלדער אין גראָזני און באַקו, פון די טשאַקוואַ טיי־פּלאַנטאַציעס, פון די שאָכטעס אין סאַדאָן, פון די וויין־גערטנער אין טיפליס, פון די אַליוון־הויי־טיגע אַרמענערקעס און בראָנז־לייביגע גרוזינערקעס.

און די העלדישע מענטשן פון קאַווקאַז האָבן געענטפערט —

מיט'ן אַלטן געזעץ פון בלוט־נקמה: „טויט צום שונא, וואָס האָט פאַרשוועכט דיין היים און פאַמיליע, געשענדעט דיין פרוי און טאָכטער. טויט צום שונא און זיינע פאַרוואַנדטע; זאָל זיין בלוט אָוועקוואַשן די שאַנדע און שמאַך".

דאָס בלוט פון דעם שונא גיסט זיך טייכנווייז, קוואַלנווייז. טויט לויערט אויפ'ן שונא פון יעדן אַאול, פון יעדן באַרג און פעלז, פון יעדן וואַלד און בוים און קוסט, אויף יעדן וועג און שטעג פון דעם זוניגן כשופ־דיגן קאַווקאַז.

און די העלדישע מענטשן פון קאַווקאַז האָבן געענטפערט ——

„ניט נאָר בערג וועלן די דייטשן דאָרטן אָנטרעפן, נאָר מענטשן. און די מענטשן וועלן ניט צוריקטרעטן. די מענטשן וועלן זיך פאַרוואַנדלען אין בערג..."

היינע און פרץ האָבן זיך אומזיסט געשראָקן און געצווייפלט

אויך לידער, גענאָגען
זיינען באַמבעס און פּאָנען...
—(מאַיאַקאָווסקי).

היינע, דער גרויסער היינע, האָט געהאַסט דעם היפּאָקריטישן הער־שענדיגען קלאַס פון דער טיפעניש פון זיין האַרץ. ער האָט אָבער גע־צווייפלט אין די שעפערישע מעגלעכקייטן פון די אַרבעטער. ער האָט זיך געשראָקן, אַז ביים קומען צו דער מאַכט וועלן זיי „מיט זייערע מאַזאָליסטע הענט אָן רחמנות צעברעכן די מאַרמאָר־סטאַטועז פון דער שיינקייט", און אַז זיין (היינעס) „בוך פון לידער וועט דעם געווירץ־קרעמער דינען, כדי צו דרייען טיטן, אין וועלכע ער וועט שיטן קאַווע פאַר די אַלטע ווייבער פון דער צוקונפט"...

פרץ, איינער פון די דריי גרעסטע אידישע קלאַסיקער, האָט אויך געשריבן זאַכן מיט „האָפענונג" אויפ׳ן פּראָלעטאַריאַט און מיט „שרעק" פאַר אים. ער האָט געשריבן: „מיט האַרציגער פרייד קוק איך, ווי איר רייסט איין די מויערן פון אַלטן סדום... און דאָך האָב איך פּחד פאַר אייך", אַז „גרויזאַם וועט איר פאַרטיידיגן די גלייכבארעכטיגונג פון דער סטאַדע... און אייערע פיינט וועלן זיין פרייע אינדיווידן, איבערמענטשן, געניאַלע דערפינדער, פּראָפעטן, דערלייזער, דיכטער און קינסטלער".

היינע איז ניט געווען גערעכט. דער פּראָלעטאַריאַט האָט ניט נאָר אויפגעהיט „די מאַרמאָר־סטאַטועז", נאָר אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואו ער איז געקומען צו דער מאַכט, זיינען נאָך צוגעגעבן געוואָרן אָן אַ שיר נייע „מאַרמאָר־סטאַטועז פון דער שיינקייט", אָן אַ שיר נייע אוצרות צו דער קולטור־ירושה פון דער וועלט. דער נייעסטער ביישפּיל איז שאָסטאַקאָ־וויטש׳עס „זיבעטע סימפאָניע".

היינע׳ן אַליין איז באַשערט געווען, אַז גראָד אינ׳ם לאַנד פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור זאָל זיין דיכטונג אַרומגערינגלט ווערן מיט דער גרעסטער ליבע.

פרץ איז ניט געווען גערעכט. פרצ׳ן און היינע׳ן האָט פאַרבונדן אַן

ענלעכער סאָציאַלער קלאַסן־נעוועב, אַן ענלעכע היסטאָרישע סיטואַציע. און ניט אומזיסט האָט פּרץ געפילט אַזאַ שטאַרקע ליבע און נאָענטקייט צו היינע'ן. ביידע זיינען געווען ווידערשפּרעכלעכע דיכטער צוליב דער ווידערשפּרעכלעכער לאַגע פון'ם קליינבירגערטום צווישן פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשואַזיע.

פּרץ'ן איז אויך באַשערט געווען, אַז גראָד אין דעם לאַנד פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע זאָלן זיינע ווערק דערשיינען אין די גרעסטע טיראַזשן און זיינע געבורטסטעג און יאָרטאָגן זאָלן געפייערט ווערן אויף אַ מלוכה־מאַסשטאַב.

היינע און פּרץ האָבן זיך אומזיסט געשראָקן און געצווייפלט.

דער זיבעטער הימל פון סימפאָניע

דער פאָלקס־קינסטלער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד און באַוואוסטער מוזיקער פּראָפעסאָר ל. שטיינבערג האָט אַנומלט דערקלערט:

„פאַראַן אַן אַלט ווערטל: ווען ס'ריידן די קאַנאָנען, שווייגן די מוזעס. דאָס לעבן האָט אָבער היפּשלעך געענדערט דאָס ווערטל. אמת, די מוזע שווייגט אין דעם לאַגער פון די, וואָס האָבן אויפגעהויבן די ביקס אין אַ מלחמה פון רויב און דעראָבערונג. און די מוזע איז פאַרשטומט אין היטלער־דייטשלאַנד, וואָס איז אַמאָל געווען דאָס לאַנד פון באַך, בעטהאָווען, געטע און היינע. אָבער דאָס קול פון דער מוזע קלינגט מיט נייער קראַפט אין דעם לאַגער פון דעם סאָוועטישן פאָלק — דאָס פאָלק, וואָס פירט אַ גערעכטע מלחמה.

„ניין, די סאָוועטישע קונסט איז ווייט ניט דערטרונקען געוואָרן אין דעם דונער פון אומפאַרגלייכלעכע שלאַכטן. אין דעם פאַרמעסט מיט די קרעפטן פון פינסטערניש באַשאַפט זי נייע ווערטן, וועלכע דערמוטיגן דעם סאָוועטישן מענטשן צום קאַמף. זי ברענגט דער וועלט נייע, מיליטאַנטע פערזן און לידער פון סאָוועטישע דיכטער און קאָמפּאָזיטאָרן. אין דער באַלאַגערטער לענינגראַד האָט דמיטרי שאָסטאַקאָוויטש, אַן אַנגערעגטער פון די שטורמישע געשעענישן אין 1941, קאָמפּאָנירט זיין זיבעטע סימפאָניע".

יאָ, אַפילו אין מלחמה־צייט, אַפילו אין דער צייט פון דער גרעסטער פון אַלע מלחמות געגן שטאַרקסטן טויטלעכסטן שונא פון סאָוועטן־פאַרבאַנד און דער מענטשהייט.

היינע און פּרץ האָבן זיך אומזיסט געשראָקן און געצווייפלט.

און אויב נישט נאָך העכער

און אָט איז אַ בילד פון פאַר־מלחמה'דיגן לענינגראַד:

איר גייט איבער אַ ריינעם טראָטואַר לענג־אויס אַן אַספאַלטירטן וועג.

רעכטס — אַ שווי־פּענסטער מיט ביכער. לינקס — אַ קליינער פּאַרק, דער־נאָך אַ שטוב, נאָכדעם אַ סקווער מיט לענינ'ס אַ ביוסט. איר קומט אַריין אין אַ גרויסער ליכטיגער געביידע, וואו עס טראָגן זיך די קלאַנגען פון אַ סימפאָנישן אָרקעסטער.

אין דעם גרויסן זוניגן זאַל האָבן זיך צעליינט ווי ביים טאַטן אין וויינגאָרטן דער אָרקעסטער און כאָר פון דעם לענינגראַדער אָפּערע־טעאַ־טער אין דער שפּיץ מיט'ן פאַרדינסטפולן פאָלקס־קינסטלער פון דער סאָ־וועטישער רעפּובליק דער דיריגענט ס. ס. סאַמאָסוד.

(הענרי שאַפּירא, סטעף־קאָרעספּאָנדענט פון דער יונאַיטעד פּרעס, האָט דעם 2טן מערץ, 1942, געקעיבלט פון קויבישעוו, אַז סאַמאָסוד האָט דאָרטן אָנגעפירט מיט'ן אָרקעסטער פון דער מאָסקווער אָפּערע (באָלשאָי טעאַטער) ביים אויפפירן די פּרעמיערע פון שאָסטאַקאָוויטש'עס לענינ־גראַדער מלחמה־געבוירענער „זיבעטער סימפאָניע", וועלכע די קריטיקער (אַלעקסעי טאָלסטאָי) האָבן באַצייכנט אַלס „זיבעטער הימל פון סימפאָ־ניע").

וואו מיינט איר געפינט איר זיך? אין דעם טורבינע־צעך פון דעם לענינגראַדער זאַוואָד „עלעקטראָסילאַ". (די ריזיגע אונטערנעמונג איז אַרויסגעוואַקסן פון אַ קליין פאַבריקל פון דער אויסלענדישער פירמע „סימענס און גאַלסקע" אונטער'ן צאַרישן רעזשים). דער דורכגעגאַנגע־נער וועג געפינט זיך טאַקע אויף דער טעריטאָריע פון זאַוואָד. ווען איז דאָס געווען? אין 1935. דאָס האָט אָבער פּונקט אַזוי געקענט זיין אין 1942.

אַ זאַוואָד אָדער אַ טעמפּל

און אָט גייט איר אַריין אין אַ צווייטן צעך. דאָ וועט איר אָנטרעפן אַ בילדער־אויסשטעלונג. שפּעטער וועט איר אונטערהערן דעם פאָלגנדיגן שמועס אין דעם רעסטאָראַן פון זאַוואָד.

— ווייסט, יורא, מיר איז פונדעסטוועגן אַ שאָד, וואָס פון דעם נייעם טעקסט פון „דאַמע פּיק" פאַלט אַרויס דער ראָמאַנס „איך האָב אייך ליב, ליב אָן אַ שיר", — זאָגט זי.

— איז וואָס, — ענטפערט ער. דאָרטן וועלן זיין די ווערטער פון דעלוויג'ן. געדענקסט, מיר האָבן עס באַהאַנדלט אויפ'ן סעמינאַר..."

דאָס שמועסט אַזוי דער טאָקער סקאָראָבאָגאַטקאָ מיט זיין פריינדינע.

ניט וועלנדיג לענגער אונטערהערן פרעמדע געשפּרעכן, נעמט איר זיך לייענען די פאַבריק־צייטונג „עלעקטראָסילאַ" (עלעקטרישע קראַפט).

„עס שטייען אָפּ דער מאַשין־צעך, דער גאַראַזש און גאָר שלעכט פירט דורך דעם איבערקוק די 203־טע אָפּטיילונג. דער פּאַרטאָרג (פּאַרטיי־

אָרגאַניזאַטאָר) ח׳ יעפימאָוו האָט ניט דורכגעפירט וועגן איבערקוק קיין שום אויפקלער־אַרבעט און אַלס רעזולטאַט דערפון האָט די אָפּטיילונג געקאָנט אַרויסשטעלן בלויז צוויי מאַנדאָלין־שפּילער...״

איצט לאָמיר זען, וואָס עס טוט זיך אין פּאַרטקאָם (פּאַרטיי־קאָמיטעט פון דעם זאַוואָד). ביי אַ ברייטן שרייב־טיש זיצט אַ מענטש. ער שמועסט מיט אַ יונגען בחור, אַן ערנסטן און שטרענגען.

— וועלכע פראַגן ווילטו אַוועקשטעלן פאַר דער זאַוואָדישער קאָנפערענץ?

— איך האַלט, אַז מיר נויטיגן זיך אין געזונטן געלעכטער, — ברומט דער יונג אַרויס.

וואָס קומט דאָרט פאַר אויף דער „עלעקטראָסילאַ״? פאַרוואָס דאַרף אַ פּאַרטאָרג זיך זאָרגן וועגן מאַנדאָלין־שפּילער? ווי דאַרף מען פאַרשטיין די לייכטזיניג־אויסקוקנדיגע ענטפערס אויף די ערנסטע פראַגן אין פּאַרטקאָם? איז דאָס אַ זאַוואָד אָדער אַ טעמפּל פון אַמאָליגן גריכנלאַנד? מיט וועמען האָבן מיר דאָרטן צו טאָן? מיט אַרבעטער אָדער דינער צי פּריסטער פון די מוזן?

דער ענטפער איז אַ פּשוט׳ער, אַ סאָוועטישער. איר האָט דאָרט פאַר זיך דעם לענינגראַדער זאַוואָד „עלעקטראָסילאַ״, וואו די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע האָט קאָנצענטרירט די אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכקייט אויף קונסט־פראַגן.

דערנענטערט די קונסט צו די מאַסן

דער ריזיגער איבערבראָך אין דער קולטור־אַרבעט אויף די פאָרגעשריטענע לענינגראַדער זאַוואָדן, ווי איבער׳ן גאַנצן סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז באַשטאַנען ניט נאָר אין דעם, וואָס די קונסט האָט זיך דערנענטערט צו די מאַסן. עס האָט זיך געביטן דער גאַנצער כאַראַקטער פון דער מאַסן־אַרבעט.

עס האָט זיך געשאַפן אַן אָרגאַנישע פאַרבינדונג צווישן דער קונסט און דעם לעבן פון דער זאַוואָדישער געזעלשאַפטלעכקייט. דער אַרבעטער־קאָלעקטיוו האָט אָנגעהויבן לעבן אוממיטלבאַר מיט די פראַגן פון ליטעראַטור און קונסט. די אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען און די פאַבריק־צייטונג אויף דער „עלעקטראָסילאַ״, צום ביישפּיל, האָבן היציג דיסקוטירט שאָסטאַקאָוויטש׳עס אָפּערע „לעידי מאַקבעט פון מצענסקער אויעזד״.

איבער אַ חודש האָבן זיך די אַרבעטער פון „עלעקטראַסילאַ״ געגרייט צו דער קולטור־קאָנפערענץ. אַ גרויסע ראָל האָט געשפּילט דער סעמינאַר איבער פראַגן פון טעאַטער און קינאָ. די בעסטע קונסט־עקספּערטן פון לענינגראַד האָבן דורכגעלייענט 8 לעקציעס: קאָנסטאַנטין דערזשאַווין —

וועגן מלוכה־טעאַטער פון דראַמע; אַדריאַן פּיאָטראָווסקי — די סאָוועטישע אָפּערעס; סושקעוויטש — די אויפגאַבן פון סאָוועטישן אַקטיאָר און רע־זשיסאָר; א. אז. וו. יעדע סעמינאַר־זיצונג האָט געדויערט דריי שעה. די לערער האָט מען געשטעלט די סאַמע ערנסטע פראַגן, אין די דיסקוסיעס האָט מען פאַרהאַנדלט טעאָרעטישע פּראָבלעמען.

פאַראייניוועגס האָט מען אויפ'ן זאַוואָד אויך דורכגעפירט אַן אַנקעטע. אירע רעזולטאַטן שטעלן מיט זיך פאָר אַ גרויסן אינטערעס ניט נאָר פאַר די קולטור־טוער פון „עלעקטראָסילאַ". מיר דערוויסן זיך פון דער אַנקעטע מיט וואָס עס אינטערעסירט זיך דער אַרבעטער־צושויער און וואָס פאַראַ פּלאַץ עס פאַרנעמט אין זיין לעבן די קונסט. מיר געפינען אויס, אַז אָפּערע איז דער פּאָפּולערסטער זשאַנר פון דער טעאַטראַלער קונסט, אַז די באַליבט־סטע אָפּערע־פאָרשטעלונגען זיינען „דאַמע פּיק", „קאַרמען", „יעווגעני אָניעגין" און „לעידי מאַקבעט". איר האָט דאָ פאַר זיך אַ קאָנקרעטע סאָציאַלע באַשטעלונג.

צווישן די זאַכן, וואָס דער אַרבעטער וויל זען אין די פילם־טעאַטערס, פאַרנעמט דאָס ערשטע אָרט היסטאָרישע בילדער, דאָס צווייטע — פאַבריק־לעבן, דאָס דריטע — אומגעוויינלעכע העלדישע פּאַסירונגען. אָט־די אָנגאָבן פון דער אַנקעטע דאַרפן, פאַרשטייט זיך, פאָרזיכטיג אַנאַליזירט און דורכגעטראַכט ווערן.

נאָר אָט זיינען די קאָנפערענץ־צוגרייטונגען פאַרענדיגט געוואָרן. דעם 1טן יוני האָבן די אַרבעטער זיך באַגעגנט מיט די קינסטלער און קולטור־טוער אין דעם איליטש־קלוב אויפ לענינ'ס נאָמען. חבר אַדאַמאָוויטש האָט אָפּגעגעבן אַן אויספירלעכן באַריכט וועגן די פּראָבלעמען פון דער קולטור־קאָנפערענץ.

דער עיקר איז אָבער געווען די דיסקוסיע. אַרבעטער און טוער פון קונסט האָבן דיסקוטירט: וויאַזוי דאַרף מען שטעלן די קלאַסיקער, וואָס איז די ראָלע פון דעם טעאַטער־קריטיקער, וואָס וויל דער אַרבעטער־צושויער פון טעאַטער, וואָס וויל דער טעאַטער פון דעם צושויער, א. אז. וו., א. וו. „לעידי מאַקבעט" פון שאָסטאַקאָוויטש'ן איז אין יענער צייט אויך געווען איינע פון די ברענענדיגסטע פראַגן אויפ'ן זאַוואָד.

דער אײנזשענער פון מוזיקאַלישער קונסט

די צייטונג פון זאַוואָד האָט געשריבן: „דער קאָמפּאָזיטאָר שאָסטאַ־קאָוויטש איז געקומען אויפ'ן זאַוואָד, ווי אַן אינזשענער פון „עלעקטראָ־סילא" פלעגט קומען צופאָרן אין „דניעפּראָסטראַי" און מיט האַרץ־קלאַפּע־ניש פרעגן:

— „איז די טורבינע גוט"?

— איז די אָפּערע גוט? — האָט געפרעגט די אַרבעטער דער אינ־זשענער פון מוזיקאַלישער קונסט. און די אַרבעטער האָבן געענטפערט:

— גוט!

דמיטרי שאָסטאַקאָוויטש
אין אוניפאָרם פון אַ פייערלעשער
בשעת אַ לופט־אַטאַקע אויף דער
לענינגראַדער קאָנסערוואַטאָריע

נייע שטימען, נייע מעלאָדיעס האָבן געקלונגען אין דעם קלוב פון זאַוואָד „עלעקטראָסילא". צווישן די אַמאָליגע אַרבעטער פון דער פירמע „סימענס און גאַלסקע", וועלכע האָבן זיך דאָ פריער געפונען, איז אַרומ־געגאַנגען אַ ווערטל „גיין צו דער קאַנאַווקע" (רינווע). דאָס האָט געמיינט — זיך פאַרקלייבן אין דער קאַנאַווע און דאָרטן, אויסבאַהאַלטנדיג זיך פון

דער פּאָליציי און דער אדמיניסטראַציע, ארומריידן די נויטן פון די אר־בעטער.

אין דער ערד (בוכשטעבלעך) האָבן זיך באַהאַלטן די ארבעטער, אין דער ערד זיינען אָפּט באַגראָבן געוואָרן און האָבן אָפּט זיך פאַרגראָבן און פאַרקראָכן גרויסע טאַלאַנטן צווישן די ארבעטער. איצט האָבן זיך די ארבעטער אויפגעהויבן אויף אַ הויכער טריבונע פון אַ פּרעכטיגן קלוב, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אויפ׳ן זעלבן פּלאַץ, וואו ס׳איז געווען אַמאָל די קאַנאַווע, כדי צו זאָגן זייער וואָרט וועגן דער קולטורעלער בויאונג. איצט הויבן זיך די פּראָלעטאַריער אַלץ העכער און העכער אויף די העכסטע שטאַפּלען פון דעם לייטער פון דער מענטשלעכער קולטור.

די אַרבעטערן שפּיטאַלנאַיאַ, וואָס איז ארויסגעטראָטן אויף דער קאָנ־פערענץ, האָט געזאָגט:

— די הויפּט־זאַך וואָס מען דאַרף זיך דאַביוועז, איז די פאַרברידע־רונג פון די אַרבעטער און די קינסטלער.

— ביי די אַרבעטער און קינסטלער איז פאַראַן אַן אַלגעמיינער ציל: די שטרעבונג צו קולטור, דער דורשט נאָך וויסן, — האָט אויסגערופן פון דער קלוב־טריבונע דער פאַרדינסטפולער אַרטיסט ראָסטאָווצעוו.

די פאַרברידערונג פון די אַרבעטער און קינסטלער איז אַ שטיק סאָ־ציאַליזם. און די שטרעבונג צו קולטור, דער דורשט נאָך וויסן — די נשמה פון סאָציאַליזם. ביידע זאַכן האָבן מיר געפונען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. הכלל: היינע און פּרץ האָבן זיך אומזיסט געשראָקן און געצווייפלט.

פאַרברידערונג פון אַרבעטער און קינסטלער

די מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע איז געווען געפּאַקט מיט די ארבעטער פון דער פאַבריק „פרעזער־געצייג" און אויף דער בינע זיינען געווען די פירנדיגע קינסטלער פון מוזיק און אָפּערע. ס׳איז געווען אַ פאַרברידערונג צווישן די ארבעטער פון איינער פון די בעסטע סטאַנאָקבוי־פאַבריקן און די בעסטע קינסטלער. אַרבעטער פון דער פאַבריק און קינסטלער האָבן גערעדט איינער נאָכ׳ן צווייטן. נאָכדעם האָבן די קינסטלער אויפגעפירט נומערן פון זייערע שאַפונגען און געבעטן דעם עולם ארויסזאָגן קריטיק.

* * *

דער 25־יאָריגער קאָמפּאָזיטאָר פון דער נייעסטער אָפּערע „שטיל פליסט דער דאָן" גייט ארויף אויף דער בינע. „מיר קינסטלער, — זאָגט דזשערדזשינסקי, — מוזן ברעכן אונזער איזאָלוציע אָפּגעפרעמדטקייט פון אייך אַרבעטער צו קאָנען פאַרזעצן נעמען פון די אַלטע קוואַלן. אונזער קונסט מוז אָנהויבן אויסדריקן דעם נייעם סאָציאַליסטישן אידעאַליזם. דאָס נייע לעבן און די נייע מענטשן פון סאָציאַליזם מוזן אויסגעדריקט

ווערן אין אונזער אַרבעט. איר סטאַכאַנאָוועצעס מוזט אַרויסשטעלן צו אונז אייערע פאָדערונגען. איר דאַרפט אונז זאָגן:

— מיר ווייסן, אַז מיר זיינען געוואָרן מער גליקלעך אונטער סאָציאַליזם. איר, די קינסטלער, מוזט אויסדריקן אַט דאָס נייע לעבן אין אייערע ווערק".

„מיר, קינסטלער, קאָנען ניט באַשאַפן קיין שום נייעס אָן אייער הילף, אָן דער באַפרידיגונג פון אייערע פאָדערונגען. אונזער אויפגאַבע איז אַזוי צוזאַמענאַרבעטן און זיך מיט אייך פאַרברידערן, אַז מיר זאָלן קאָנען אויסדריקן דאָס נייע לעבן. לאָזט מיר וויסן אייער מיינונג וועגן „שטילן דאָן".

און די סטאַכאַנאָוו־אַרבעטער האָבן „גענומען די פּאָדלאָגע". די מוזיק איז צו שווער. זאָל זי זיין מער פריידיג. זי איז ניט גענוג העל, ניט גענוג מונטער, זאָגן אַנדערע. איז דען אונזער לאַנד איצט ניט פול מיט ליכטיגע זאַכן? צי דען וועט עס ניט זיין נאָכמער אַזוי אין דער צוקונפט? אונזערע קינסטלער דאַרפן אַרבעטן מיט'ן זעלביגן גייסט ווי מיר סטאַכאַנאָוו־אַרבעטער און אויסדריקן אַט־די וואַקסנדיגע העלקייט און מונטערקייט. אונזער סטאַכאַנאָוו־באַוועגונג שאַפט־אָפּ דעם אונטערשייד צווישן האַנט־אַרבעט און מאָרך־אַרבעט.

דער גרויסער טראַנספּאַראַנט איבער דער גאַנצער לענג פון דער פּלאַטפאָרמע פון וואַנען די רעדנערס זיינען געהאַלטן געוואָרן האָט דערקלערט: „מיר וועלן באַשאַפן מוזיק, וואָס איז ווערט אונזער רומפול פאָטערלאַנד און וועט אָפּשפּיגלען די גרויסקייט, דערהויבנקייט און די פרייד אין דעם זיג פון סאָציאַליזם".

* * *

יעדערער פון'ם גרויסן אָרקעסטער געפינט זיך שוין אויף זיין געהעריגן אָרט. דער זאַל ווערט באַלד פאַרפולט מיט די קלאַנגען פון „שטיל פליסט דער דאָן". יעדער קאַפּיטל פון דעם בוך, וואָס אַלע אַרבעטער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און אַ סך אין אַלע לענדער פון דער וועלט האָבן געלייענט, ווערט נאָכאַמאָל אויפגעלעבט, אויפגעמישט, בשעת די אָפּערע אַנטוויקלט זיך. דאָס בוך ווערט איצט צו זיי געלייענט אין מוזיק.

מען דאַרף בלויז קוקן אויף זייערע פּנים'ער צו ווערן איבערצייגט, אַז זיי פאָלגן נאָך די מוזיק ווי די געשריבענע קאַפּיטלען און די העלדן פון דעם בוך. זיי האָבן ממש געשלונגען און געזויגן די אָפּערע מוזיק, ווי אַ זויגקינד דאָס מילך פון דער מוטער'ס ברוסט. ס'איז געווען שטיל ווי אין אַן אויער.

* * *

די נאַכט פון מוזיק איז ווייטער אָנגעגאַנגען. ניי־געשאַפענע לידער, אויפגעפירט פון מאַסן־כאָרן, האָבן נאָכגעפאָלגט איינס ס'אַנדערע. „שטיל

פליסט דער דאָן" האָט נאָך ביז דעמאָלט ניט געהאַט קיין אָפיציעלע עפנט־לעכע פּרעמיערע. קאָנט איר זיך פאָרשטעלן אַזאַ זאַך אין אַן אַנדער לאַנד, אַז אַ נייע אָפּערע זאָל צוערשט אויפגעפירט ווערן פאַר אַרבעטער פון איין פאַבריק בלויז. קאָנט איר זיך פאָרשטעלן אַזאַ זאַך אין אַן אַנדער לאַנד, אַז קינסטלער זאָלן אָפּגעבן רעגולערע באַריכטן צו די אַרבעטער וועגן זייערע שאַפונגען. דאָס זיינען אָבער געווען אַרבעטער, וואָס האָבן געשאַפן דאָס נייע לעבן, וועלכן די קינסטלער האָבן געשטרעבט אויסצודריקן אין זייערע ווערק.

* * *

דאָס זעלבע האָט פּאַסירט ניט נאָר אין לענינגראַד, ניט נאָר אין מאָסקווע, נאָר איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון ריזיגן סאָוועטן־לאַנד. אַ באַרימטער אַמעריקאַנער זינגער האָט, צום ביישפּיל, איבערגע־געבן דאָס פאָלגנדיגע וועגן דאָנבאַס („מ. פ.", אויג. 14, 1936):

„אין 1936 זיינען אין דאָנבאַס אַליין פאָרגעקומען 120 מוזיקאַלישע קאָנצערטן, אויף וועלכע עס זיינען אויפגעטראָטן די גרעסטע און באַרימט־סטע סאָוועטישע און אויסלענדישע קינסטלער. דער גרעסטער סאָוועטישער סימפאָנישער אָרקעסטער, וואָס באַשטייט פון 110 מענטשן, האָט אין איין חודש צייט געגעבן 36 קאָנצערטן אין פאַרשיידענע געגנטן פון דאָנבאַס. און די קאָנצערטן זיינען באַשטאַנען פון דעמזעלבן רעפּערטואַר (קלאַסישע און פאָלקס־מוזיק), וואָס דער בעסטער סאָוועטישער סימפאָניע־אָרקעסטער גיט אין מאָסקווע.

„און איר האָט געדאַרפט זען די פּנים'ער פון די מאַינערס און קאָל־כאָזניקעס, בעת זיי האָבן זיך צוגעהערט צו די סימפאָניעס פון בעטהאָווען און טשאַיקאָווסקי! קיין מער באַגייסטערטע פּנים'ער האָט איר אין אייער לעבן נישט געזען. און דאָס איז ניט קיין נס. די סאָוועטישע מלוכה האָט אין פאַרלויף פון יאָרן און יאָרן דערצויגן די ברייטסטע פאָלקס־מאַסן דורך לעקציעס, קאָנצערטן און רעציטאַציעס וויאַזוי אויפצונעמען מוזיק, טעאַ־טער און ליטעראַטור".

היינע און פּרץ האָבן זיך אומזיסט געשראָקן און געצווייפלט.

צוויי אַנקעטעס: די צושויער פון די סאָוועטישע טעאַטערס

אין מיינע נאָטיצן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד האָבן זיך געפונען די פאָלגנדיגע אינטערעסאַנטע פאַקטן וועגן די צושויער פון די סאָוועטישע טעאַטערס:

דעם 30טן אָקטאָבער האָבן די באַזוכער פון 25 מאָסקווער טעאַטערס באַקומען אַנקעטע־בויגנס. (צום באַדויערן האָט זיך אָפּגעריבן די גענויע יאָר דאַטע. דאָס איז אָבער געווען, לויט מיין השערה, אין 1934 אָדער 1935.)

— חברים ! — האָבן איבערגעלייענט די צושויער, — מיר ווילן וויסן, ווער עס באַזוכט אונזער טעאַטער. פאַר דעם צוועק ווערט היינט דורכגע־פירט אַן איין־טאָגיגע אַנקעטע...

אין דעם אַנטראַקט האָבן 6,197 צושויער אומגעקערט אויסגעפילטע פראַגע־בויגנס.

די אַנקעטע איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דער רעדאַקציע פון דער „איזוועסטיאַ". זי איז דורכגעפירט געוואָרן בלויז אין יענע טעאַטערס, וועלכע האָבן אין יענעם טאָג נישט פאַרקויפט זייערע גאַנצע פאָרשטעלונגען צו באַשטימטע פאַבריקן אָדער אָרגאַניזאַציעס, דאָס הייסט, בענעפיטן, ווי מען וואָלט עס אָנגערופן אין אַמעריקע. די 6,197 צושויער, וועלכע האָבן געענטפערט אויף די פראַגן פון די אַנקעטע בויגנס, זיינען געווען מענטשן, וועלכע האָבן געקויפט די בילעטן אין די קאַסעס פון די טעאַטערס.

איז ווער־זשע האָט יענעם אָוונט אָנגעפילט די פּאַרטערן, אַמפי־טעאַ־טערס, גאַלערייעס און לאָזשעס פון די מאָסקווער טעאַטערס ?

דעם 30טן אָקטאָבער, אורטיילנדיג לויט די אַנקעטעס, זיינען אין 25 מאָסקווער טעאַטערס געווען מענער בלויז מיט פיר פּראָצענט מער ווי פרויען. פּערציג פּראָצענט פון די צושויער זיינען געווען מענטשן אין עלטער פון 27 ביז 35 יאָר.

אינטערעסאַנט זיינען די אָנגאַבן וועגן דעם סאָציאַלן באַשטאַנד פון די צושויער. אָנגעשטעלטע — 65 פּראָצענט, אַרבעטער — 28 פּראָצענט, און 7 פּראָצענט קאָלווירטניקעס, הויז־באַלעבאָסטעס און אַנד. אָבער ניט אין אַלע טעאַטערס איז דער פּראָצענט געווען גלייך. געוויסע טעאַטערס האָבן צוגעצויגן מער אַרבעטער איידער אַנדערע און אפילו מער אַרבעטער פון באַשטימטע פאַכן. עס האָט זיך, צום ביישפּיל, אַרויסגעוויזן, אַז אין אַזעלכע טעאַטערס, ווי „טעאַטער רעוואָלוציע" אויפ'ן נאָמען פון מאָסקווער ראַט פון די טרעיד יוניאָנס (מאָספּס), לענסאָוועט, סאַפּאָנאָוו, זאַוואַדסקי, ערשטער פיליאַל פון מאָסקווער קונסט־טעאַטער, צ. ד. ק. א. (צענטראַלע הויז פון דער רויטער אַרמיי, רויטאַרמיי־טעאַטער), און אַנדערע, זיינען ביז 70 פּראָצענט פון די צושויער געווען אַרבעטער, די מערסטע פון זיי מעטאַליסטן און בויער פון דער מאָסקווער סאָבוועי.

אין די מאָסקווער טעאַטערס זיינען אין יענעם טאָג אויך געווען אַ סך אַזויגערופענע אינטעלעקטועלע אַרבעטער, „ווייסע קאָלנער"־אַרבעטער. אויפ'ן ערשטן אָרט זיינען געווען סטודענטן, אויפ'ן צווייטן — מיליטער־לייט, נאָך זיי — בילדונגס־טוער. די גרעסטע צאָל סטודענטן האָט אין יענעם טאָג באַזוכט דעם „טראַם" (טעאַטער פון דער אַרבעטער־יוגנט). ס'איז אויפגעפירט געוואָרן די פּיעסע „פּאַרטזעצונג פאָלגט"; די מערסטע מיליטער־לייט זיינען געווען אין דעם „נאָווי טעאַטער" („קינאָ־ראָמאַן"),

קאמערני טעאטער („אָפּטימיסטישע טראַגעדיע״) און אין מוזיק האָל; דאַקטוירים — אין קאָנסערוואַטאָריע (קאָנצערט פון דעם פּיאַניסט ג. גינזבערג) און אין וואכטאנגאָוו־טעאַטער („מענטשלעכע קאָמעדיע״); עקאָנאָמיסטן און יוריסטן — אין קאָנסערוואַטאָריע, נעמיראָוויטש־דאַנ־טשענקאָ („קאַטערינאַ איזמאַילאָווא״), ערשטער „מכאט״ (קונסט־טעאַ־טער („קארשן־גאָרטן״) און אין צווייטן „מכאט״ („אַ גריל אויפ׳ן אויוון״).

נאָך אַ טשיקאַווער שטריך. צווישן די 6,197 צושויער, וועלכע האָבן אויסגעפילט די פראַגע־בויגנס, איז געווען אַ באַדייטנדיגער פּראָצענט מענער און פרויען איבער 50 יאָר אַלט, און אַז ביי די צושויער פון דעם עלטער זיינען מער פון אַלע אַנדערע געווען פּאָפּולער די קאָנסערוואַטאָריע און דער טעאַטער פון נעמיראָוויטש־דאַנטשענקאָ. ווי איר זעט האָט דאָ געשפּילט אַ ראָלע ניט נאָר דער סאָציאַלער באַשטאַנד און דער פאַך פון דעם צושויער, נאָר אפילו זיין עלטער איז געווען אַ באַשטימטער פאַקטאָר...

ווי אָפט גייען די מאָסקווער אין טעאַטער? פון די 6,197 אָנגע־פרעגטע האָבן 626 געענטפערט, אַז אין די לעצטע 10 חדשים זיינען זיי געווען אין טעאַטער מער ווי 20 מאָל, 611 זיינען געווען — 15 מאָל, 1,330 — ביז 10 מאָל, 2,412 — ביז 5 מאָל, און 870 — דאָס ערשטע מאָל יענעם יאָר.

אָט־די אַנקעטע האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געגעבן קיין אויסשעפּנדיגן ענטפער אויף דער פראַגע, ווער עס באַזוכט די מאָסקווער טעאַטערס. אַ סך טעאַטערס, ווי געזאָגט, זיינען געווען אויסגעשלאָסן פון דער אַנקעטע. אָבער אפילו די ניט־פולע ידיעות האָבן אונז בלי ספק אויך גאָר אַ סך דערציילט וועגן די צושויער פון די סאָוועטישע טעאַטערס.

זינט דעמאָלט זיינען געווים פאָרגעקומען באַדייטנדיגע ענדערונגען אין דעם פּראָצענטועלן צוזאַמענשטעל פון די צושויער. אָבער דער תוך איז געבליבן דערזעלבער. די גרונד־טענדענצן זיינען זיכער גילטיג אויך היינט. און דערפאַר איז די אַנקעטע אפילו איצט פאַר אונז ווערטפול.

* * *

און אַז מיר האַלטן שוין ביי אַנקעטעס, וויל איך דאָ איבערגעבן אַ פאַרצייכענונג פון נאָך איינער, אַ זייער קורצער, אָבער זייער וויכטיגער, באַדייטונגספולער.

די „קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ״ האָט אין 1935 אויסגעטיילט די אַנקעטע צווישן 427 ארבעטער אין פינף פון די גרעסטע פאַבריקן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

פון זייערע ענטפערס האָט זיך צווישן אַנדערעס ארויסגעוויזן, (מיר איז געווען אינטערעסאַנט אַראָפּצושרייבן בלויז די פאָלגנדיגע פאַקטן), אַז 226, העכער אַ העלפט פון זיי, האָבן געהאַט זייערע אייגענע ביבליאָטעקן;

150 פון זיי זיינען רעגולער געגאַנגען אין דער אָפּערע; 136 האָבן רעגולער באַזוכט מוזייען; און כמעט אַלע פון זיי האָבן שטודירט אין אָוונט־שולן.

מיט איין וואָרט:

היינע און פּרץ האָבן זיך אומזיסט געשראָקן און געצווייפלט.

דאָס שאַרפסטע, מעכטיגסטע געווער

איך דערמאָן זיך: אין 1934 איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין דער ביבליאָטעק פון קיעווער „אַרסענאַל" (גרויסע וואָפן־פאַבריק) וועגן גרינדן אַ אידישן ליטעראַרישן קרייז אונטער דער אָנפירונג פון אַן אַספּיראַנט פון דער ליטעראַרישער־סעקציע פון קיעווער אינסטיטוט פאַר אידישער קולטור. הער איך ווי אַ רוסישער אַרבעטער זאָגט צו דער ביבליאָטעקאַרשע:

— „דאַיטע טשטאָ ניבוד איז אַלעיכעמאַ" (גיט עפּעס וואָס פון אַלעיכעמען).

געפין איך שפּעטער אויס, אַז דאָס האָט ער געבעטן אַ בוך פון שלום עליכם. דער רוסישער אַרבעטער האָט געמיינט, אַז שלום איז געווען דער ערשטער האַלבער נאָמען און עליכם — די פאַמיליע פון דעם אידישן קלאַסיקער פון וועלכן הונדערטער טויזנטער ניט־אידן האָבן אויך געלעקט די פינגער ביים לייענען זיינע ווערק אין איבערזעצונגען.

די ליט־סעקציע פון קיעווער אינסטיטוט איז געווען פאַרבונדן ניט נאָר מיט די אידישע שרייבער, נאָר אויך מיט די אידישע אַרבעטנדיגע מאַסן. די אַספּיראַנטן האָבן אָנגעפירט מיט אידישע ליטעראַרישע קרייזן אויף אַ צענדליג פאַבריקן, ווי מיט ספּעציעלע קרייזן פאַר אידישע אָנפאַנגער־שרייבער און מיט אַ ליטעראַרישן קרייז אין דער באַוואוסטער ווינטשעווסקי־ביבליאָטעק. די אַספּיראַנטן האָבן אפילו געהאַט אַן אייגענעם קרייז. יעדערער פון זיי האָט לויט דער ריי געהאַלטן אַ פאָרטראַג וועגן איינס פון די נייעסטע אידישע בעלעטריסטישע ווערק.

אָבער זייער באַדייטונגספול איז דער פאַקט, וואָס אין אַלע סאָוועטישע אַנשטאַלטן און אונטערנעמונגען, אפילו אין סאמע צ. ק. פון דער אַל־פאַרבאַנדישער קאָמפּאַרטיי, האָט מען אַכטונג געגעבן, אַז יעדער איינציגער אַרבעטער און באַאַמטער זאָל זיין באַקאַנט ניט נאָר מיט דער נייעסטער פּאָליטישער און טעכנישער צי וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור פון זיין פאַך, נאָך אויך מיט די נייעסטע, וויכטיגסטע בעלעטריסטישע ווערק.

די סאָוועטישע אַרבעטער האָבן זיך שטאַרק אינטערעסירט און באַשעפטיגט מיט די פראַגן פון דער שעפערישער ליטעראַטור. אויך די שיינע ליטעראַטור איז געווען אַ זאַך פון מיליאָנען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, איינס פון די „שאַרפסטע, מעכטיגסטע געווער" אין די הענט פון די האָרעפּאַשנע

מאסן. דאָס באַווייזן אויך די פאָלגנדיקע פאַקטן, וועלכע איך האָב צונויפגעזאַמלט פון צופעליקע נאָטיצן אין דער סאָוועטישער פּרעסע:

אויפ'ן „רויטן פּוטילאָוועץ", דער באַרימטער און גרעסטער זאַוואָד פון לענינגראַד, האָט מען געפאָדערט פון די קאָמיוגיסטן אויך אַ „מינימום פון ליטעראַטור־ידיעות" (פון דער שיינער ליטעראַטור) אַחוץ דעם טעכ־נישן מינימום, דעם מינימום פון מיליטערישע ידיעות, א. אז. וו. און די פאַרזאַמלונג פון די קאָמיוגיסטן האָט באַשלאָסן צו קויפן פאַר יעדן איינ־ציגן מיטגליד דעם ראָמאַן פון אַלעקסעי טאָלסטאָי „פּעטער דער ערשטער".

אויפ'ן לענינגראַדער סטאַלין־זאַוואָד האָט מען אויף ספּעציעלע סעק־ציעס פון דער זאַוואָד־קאָנפערענץ דעבאַטירט קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען פון ליטעראַטור־ווינסנשאַפט. נאָך עפּעס: „דעם 5טן יאַנואַר (1935) איז אויפ'ן זאַוואָד אויף סטאַלינ'ס נאָמען דערשינען דער ערשטער נומער פון דער חודש'לעכער ציימונג „ליטעראַרישער סטאַלינעץ". נאָכ'ן דערעפענ־נען די זאַוואָדישע אָפּערע־סטודיע, נאָך דער אָרגאַניזירונג פון אַ סימ־פאָנישן קוואַרטעט, דעם אָרקעסטער פון פאָלקס־אינסטרומענטן, דעם קרייז פון פּאָרלייענער־דעקלאַמאַטאָרס און דער טעאַטער־גרופּע, איז דאָס — אַ נייע קולטור־דערגרייכונג. אינ'ם ערשטן נומער פון „ליטעראַרישן סטאַ־לינעץ" זיינען אָפּגעדרוקט די לידער פון דעם שלאָסער א. אַלעקסאַנדראָוו און טאָקער א. בראָדסקי, פאַרצייכענונגען, אַרטיקלען און דערציילונגען פון יעפּאַנטשינא, זעפּיראָווא, נ. וועליטשקאָ און אַנדערע".

אַ ליטעראַרישער קאָנקורס אין דער טונדרע (אַרכאַנגעלסק). „אין דעם נענעצער נאַציאָנאַלן אָקרוג איז דערקלערט געוואָרן אַ קאָנקורס אויף דער בעסטער פּיעסע פון דעם לעבן פון די פעלקער פון דער טונדרע".

אין די רעזאָלוציעס פון דעם 1935 פּלענום פון קיעווער געגנטלעכן קאָמיטעט וועגן דער פּאַרטיי־אַרבעט מיט די אַקטיוון פון די קאָלווירטן ווערט געזאָגט:

„די קאָלכאָזנע (קאָלווירטישע) פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס דאַרפן סטי־מולירן די אַקטיוויסטן צו לייענען ציימונגען, לייענען די קינסטלערישע ליטעראַטור, אַנטיילנעמען אין דער אַרבעט פון די קאָלעקטיוויסטן־בודינקעס, סיסטעמאַטיש העכערן די אייגענע אַגראַטעכנישע קוואַליפיקאַציע... דער פּלענום שטרייכט אונטער... די הויפּט־פאָרמע פון פּאַרטיי־בילדונג איז די זעלבשטענדיקע אַרבעט פון די קאָמוניסטן אויף זיך אַליין, דאָס זעלבסט־שטענדיקע לייענען פּאָליטישע און קינסטלערישע ליטעראַטור. יעדער ראַיאָנער פּאַרטיי־קאָמיטעט, ווי די קלענסטע פּאַרטיי־קעמערלעך מוזן סיסטעמאַטיש העלפן די קאָמוניסטן מיט אָנווייזונגען וועגן לייענען פּאָ־ליטישע און קינסטלערישע ליטעראַטור, העלפן די קאָמוניסטן פאַראייניק־נען דאָס געלייענטע, אָרגאַניזירן קאָלעקטיווע שמועסן וועגן געלייענטן..."

קוילן־גרעבער און קינסטלער. „א גרופּע קוילן־גרעבער, וועלכע האָט געוווינט אין סאָטשי, קאַווקאַז, צווישן זיי דער 72־יאָריגער אַרבעטער פון דער סטאַלין־שאַכטע חבר סטאַראָוואָיטאָוו און דער שלאָגלער־מאַשיניסט פון דער שאַכטע, מיטגליד פון די צענטראַלע אויספיר־קאָמיטעטן פון אוקראַינע און פון גאַנצן פאַרבאַנד חבר טעלניך, האָט באַזוכט דעם שרייבער ניקאָלאַי אָסטראָווסקי, אַוטאָר פון׳ם בוך „וויאַזוי דער שטאָל האָט זיך פאַרהאַרטעוועט", וועלכער וואוינט דאָרטן (פאַרבינדערונג צווישן קינסטלער און אַרבעטער). און אַט איז אַ קוילן־גרעבער און אַ פּאָעט דערצו: „דער טאַלאַנטפולער פּאָעט פון דאָנבאַס, פּאַוולאָ בעזפּאַש־טשאַדני, וועלכער איז שוין 12 יאָר אַ קוילן־גרעבער, האָט אַריינגעגעבן אַ מעלדונג וועגן זיין פאַרלאַנג אַריינצוטרעטן אין דער גרופּע פון מיט־פילנדיגע".

„ניט קיין שלעכטע" פּאַקטן וועגן קינסטלערישער ליטעראַטור צוהילף דער מאַסן־אַרבעט. „די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פון כאַרקאָווער עלעקטראָ־מעכאַנישן זאַוואָד א. נ. סטאַלין האָט לעצטנס דערגרייכט ניט קיין שלעכטע רעזולטאַטן אין דער פּאָליטיש־מאַסעווער און קולטורעלער אַרבעט.... פאַר די לעצטע 5 חדשים איז אין גיסעריי־צעך דורכגעפירט געוואָרן אַ דיספּוט, אויף וועלכן מ׳האָט באַהאַנדלט דאָס ווערק פון שרייבער קירילענקאָ, זיין בוך „וואָנפּאָסטן", און אין דער צענטראַלער זאַוואָד־לאַבאָראַטאָריע — אַ דיספּוט וועגן איליאַ ערענבורג׳ס „צווייטער טאָג". אין דעם צעך אַ — 6 דורכגעפירט אַ לייענער־קאָנפערענץ, וואו מ׳האָט דיסקוטירט דאָס בוך פון אַוודעיענקאָ „כ׳האָב ליב", דאָס בוך „צוטריט פון׳ם ים" פון דאַנ־טשענקאָ און „ראַנאָק" פון מיקיטענקאָ.

„דורכגעפירט אַלגעמיין־זאַוואָדישע קאָנפערענצן, געווידמעט דעם 75־יאָריגן געבורטסטאָג פון טשעכאָוו׳ן און די ווערק פון סאַלטיקאָוו־שטשעד־רין, ווי אויך אַן אַלגעמיין־זאַוואָדישן אָוונט, געווידמעט די שאַפונגען פון מאַיאַקאָווסקי. עס גרייט זיך אַן אַלגעמיינע לייענער־קאָנפערענץ צו באַ־האַנדלען די ווערק פון מאַקסים גאָרקי.

„אין דער אַרבעט מיט׳ן קינסטלעריש בוך אין די צעכן שפּילן אַ גרויסע ראָלע די קאָלעקטיווע פאַרלעזונגען פון קינסטלערישער ליטעראַטור, ווי איינס פון די מיטלען צו ברענגען די קינסטלערישע שאַפונגען צום אַר־בעטער־לייענער. אין דער לעצטער צייט האָט מען איבערגעלייענט באַזונ־דערע טיילן אויסצוגן פון די שאַפונגען פון טשעכאָוו, סאַלטיקאָוו־שטשעד־רין, קאָציובינסקי, גאָרקי, נאָוויקאָוו־פּריבאָי און אַנדערע.

„אין דעם טאָג פון דער אויפדעקונג פון׳ם שעווטשענקאָ־דענקמאָל זיינען אין די צעכן דורכגעפירט געוואָרן לעקציעס, געווידמעט די שאַפונגען פון דעם שרייבער. דריי הונדערט אַרבעטער האָבן באַזוכט דעם שעווטשענ־

קאַ־מוזיי. מיט עקסקורסיעס אויף דער בילדער־אויסשטעלונג „15 יאָר אַרבעטער־פּויערשע רויטע אַרמיי", זיינען אַרומגעכאַפּט געוואָרן 3,000 אַרבעטער. אין דעם ערשטן יאָר־פערטל פון 1935 איז די צאָל פון אַר־בעטער־לייענער געוואַקסן אויף איין טויזנט. צוזאַמען זיינען פאַראַן נאָענט צו 8,000 מענטשן. די זאַוואָדישע ביבליאָטעקן האָבן אין ערשטן יאָר־פערטל אַרויסגעגעבן 21,000 ביכער, וואָס באַטרעפט אין דורכשניט דריי ביכער אויף איין לייענער..."

נאָכאַמאָל:

היינע און פּרץ האָבן זיך אומזיסט געשראָקן און געצווייפלט.

אָלימפּיאַדעס

דאָס וואָרט אָלימפּיאַדע שטאַמט פון אַלטן גריכנלאַנד. לויט דער מיטאָלאָגיע האָבן אויפ'ן באַרג אָלימפּ זיך געפונען די גריכישע געטער.

מיט דעם וואָרט האָט מען באַצייכנט די ריזיגע פּאָלקס־שפּילן, ספּאָרט־ פאַרמעסטן אונטער'ן פרייען הימל אין וועלכע עס פלעגן זיך באַ־טייליגן טויזנטער מענטשן. דאָס וואָרט האָט געפונען אַ תּיקון און איז נאָכמער דערהויבן געוואָרן דורך די סאָוועטישע אָלימפּיאַדעס.

מיך האָט אָפּגעגליקט, וואָס אַ פּאָר וואָכן נאָך מיין אָנקומען אין מאָסקווע האָב איך געקענט זיין אַ צושויער פון דער ערשטער אַלפאַרבאַנ־דישער אָלימפּיאַדע פון זעלבסט־טעטיגער קונסט. דעם אומגעוויינלעכן איינדרוק וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן. ס'וועט אים אפילו זיין שווער צו באַשרייבן. וועגן דער אָלימפּיאַדע איז דערשינען אַ גאַנץ בוך, כאָטש ניט געהאַט קיין געלעגנהייט עס צו זען.

די אָלימפּיאַדע איז פאָרגעקומען דעם 6טן אויגוסט, 1932, אין דעם וועלט־באַרימטן מאָסקווער פּאַרק פאַר קולטור און אָפּרו. קיין אַנדער זאַל אָדער פּלאַץ וואָלט ניט געווען גענוג גרויס אַריינצונעמען די דריי טויזנט פּאָלקס־קינסטלער און דעם ריזיגן צושויער־עולם פון 100 טויזנט.

זעלבסט־טעטיגע קונסט מיינט אויף אונזער אַמעריקאַנער לשון אַמאַ־טאָרישע קונסט, אויפפירונגען פון ניט קיין פּראָפעסיאָנעלע קינסטלער, פון ניט קיין פּראָפעסיאָנעלע קינסטלער־קאָלעקטיוון. אָבער ריכטיגער וועט זיין דאָס צו רופן פּאָלקס־קונסט. די בעסטע דראַמאַטישע קרייזן, כאָרן און אָרקעסטערס פון די פאַבריקן, קאָלווירטן פון אַלע עקן פון סאָוועטן־פאַר־באַנד האָבן זיך באַטייליגט אין דער אָלימפּיאַדע.

גענויער: העכער דריי טויזנט פּאָלקס־קינסטלער פון 102 קאָלעקטיוון.

נאָך אביסל ציפערן: צוויי דריטל פון זיי זיינען געווען ניט עלטער פון 23 יאָר. אַ העלפט פון זיי — באָלשעוויקעס און קאָמיוניסטן. זייערע אויפפירונגען זיינען געווען אויף 25 שפּראַכן.

— זיבעציג פּראָצענט פון אַלע אַנטיילנעמער זיינען געווען אַנערקענטע שלאָגלער פון פאַבריקן און קאָלכאָזן. פון די 61 דראַמאַטישע קאָלעקטיוון זיינען 37 געווען אַגיטבריגאַדעס אָדער, — אויף אונזער לשון, — אַגיט־פּראָפּ גרופּעס — אַ פאָרמע, וואָס איז אַמענגסטן פאַרבונדן מיט דער פּראָ־דוקציע. אויסער דעם זיינען געווען 13 „טראַמען" (טעאַטערס פון און פאַר דער אַרבעטער־יוגנט). און דערפאַר איז אויך געווען נאַטירליך, אַז דער צענטראַלראַט פון די סאָוועטישע טרעיד־יוניאָנס זאָל האָבן אָרגאַני־זירט די אָלימפּיאַדע.

עס זיינען געווען צענדליגער אָרקעסטערס און 15 כאָרן, כאָטש גע־וויסע כאָרן, — דער כאָר פון דער דייטשער וואָלגע־רעפּובליק, צום ביי־שפּיל, — האָבן פאַרמאָגט צו עטלעכע הונדערט מיטגלידער.

דעם צווייטן פּלאַץ פון די כאָרן האָט פאַרנומען דאָס זינגענדיגע אוקראַאינישע פאָלק — די קיעווער קאַפּעלע פון זאַוואָד „באָלשעוויק". זי איז פּרעמירט געוואָרן מיט אַ רייזע איבער'ן פאַרבאַנד.

דעם ערשטן אָרט צווישן די אָרקעסטערס האָט פאַרנומען דער קאָ־לעקטיוו פון זאַוואָד אויפ'ן נאָמען פון אַנדרע מאַרטי אין ניקאָלאַיעוו. דעם צווייטן — דער אָרקעסטער פון סטאַלין־זאַוואָד. דערנאָך זיינען געגאַנגען די סאַראַטאָווצעס, יאַראָסלאַווצעס, א. א. דער אָרקעסטער פון דער אַר־בעט־קאָמונע אויפ'ן נאָמען פון דער „געפּעאו" האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט, ווי אויך דער אוזבעקישער סימפאָנישער אָרקעסטער.

מיטביידע הענט שטשיפּענדיג די סטרונעס פון זייערע קרום־זייטיגע קאָבזעס האָבן די אוזבעקישע קאָבזאַרן אויפגעפירט דאָס ליד פון 17טן יאָרהונדערט „וועגן גיעטשאַיען" און דאָס ליד פון 20טן יאָרהונדערט „וועגן 120 טראַקטאָרס".

דער קאַבאַרדינאָ־באַלקאַרסקער קאָלעקטיוו האָט אויפגעפירט אַ לעז־גינקע־טאַנץ פון דריי דורות, — אַן עלטערע פּאָרל, אַ יונג פּאָרל פון קאָ־מיוגיסטן־עלטער און אַ פּאָרל פון פּיאָנערן־עלטער. עס האָבן זיך גאָר שטאַרק אויסגעצייכנט די ציגיינערישע, אוזבעקישע און אַנדערע טענצער.

* * *

פון די טעאַטער־גרופּעס האָט פאַרנומען דעם ערשטן פּלאַץ דער לעניג־ גראַדער דראַמאַטישער קאָלעקטיוו „סטראָיקא" (בויאונג). ער האָט פאָר־געשטעלט אַ סצענע פון דער פּיעסע „מאַטראָסן" פון וס. ווישניעווסקי. דער מאָסקווער טראַם האָט אויפגעפירט אַ פּאַראָדיע אויף די „בלויע בלוזעס". גלענצנדיג איז אויך געווען דער טיורקסקער אַזערביידזשאַנער טראַם.

גאָר אַ שטאַרקן איינדרוק האָט געמאַכט דער וולאַדיוואָסטאָקער כינעזישער טראַם.

די כינעזישע קאָמיוגיסטן און קאָמיוגיסטקעס, כינעזישע אַרבעטער פון וולאַדיוואָסטאָק האָבן באַוויזן צו שאַפן אַ טעאַטער, וואָס רעדט אויף היינט־צייטיגע טעמעס מיט דער שפּראַך פון דעם הונדערטיאָריקן כינעזישן טעאַטער אין זיין אויסגעפיינערטער, ראַפינירטער קולטור פון וואָרט און באַוועגונג. זייער אַקראָבאַטישע סצענע פון אַ שלאַכט האָט אַרויסגעבראַכט מייסטערשאַפט, וואָס גרענעצט זיך מיט הויכער צירק־טעכניק.

* * *

די סאָוועטישע זעלבסט־טעטיקע קונסט האָט זיך אַרויסגעוויזן אויף דער אָלימפּיאַדע אַלס אַ ריזיקע קראַפט. דער פּאַרק פון קולטור און אָפּרו האָט יענעם טאָג אויסגעקוקט ווי אַ פּאַר׳כשופ׳ט אינזל. מענטשן קאָפּ אויף קאָפּ, אין די צענדליקער טויזנטער. אויף דער עסטראַדע: אַן אָר־קעסטער פון אַ טויזנט שפּילער, אַ כאָר פון אַ טויזנט זינגער. אַ רעגנבויגן פון קאָלירן. פילפאַרביקע נאַציאָנאַלע קאָסטיומען. בלישטשענדיקער מע־טאַל פון מוזיק־אינסטרומענטן. וואַלדער מיט פאָנען. אַ קלאַנגען־געמיש פון צענדליקער שפּראַכן. אַ גרויסער יום טוב פאַר די אויגן און אויערן — פאַר אַלע חושים. אַ גראַנדיעזער ספּעקטאַקל.

דער הויפּט־דיריגענט גיט אַ מאַך מיט זיין צויבער־שטעקעלע און עס דערהערן זיך די דונערדיקע קלאַנגען פון דעם „אינטערנאַציאָנאַל". דער טויזנט־אינסטרומענטן אָרקעסטער, דער טויזנט־שטימיקער כאָר, די צענד־ליקער דראַמע־קאָלעקטיוון, דער צענער־טויזנטדיקער עולם — אַלץ זינגט און שפּילט דעם מעכטיקן פּראָלעטאַרישן הימן. אויך די בוימער פון פּאַרק וויגן זיך צום טאַקט. אַפילו די גראָז־בלעטער פלאַטערן פון פרייד.

הויך איבער די בוימער פון פּאַרק באַווייזט זיך דערוויל אַ ריזיקער לויתן פון דער לופט. ער שווימט איבער׳ן עולם. דאָס באַגריסט די אָלימ־פּיאַדע אַ סאָוועטישער דיריזשאַבל.

דער פאָרזיצער פון דעם אָלימפּיאַדע־קאָמיטעט (באַיאַרסקי) דערעפנט אָפיציעל דעם קונסט־יום טוב מיט אַ קורצער רעדע. „אַלס רעזולטאַט פון דעם פאַרמעסט וועט ווערן נאָך רייפער און פולקאָמענער די קינסטלע־רישע שאַפונג פון די מאַסן", זאָגט ער.

עס הויבט זיך אָן די ריזן־פאָרשטעלונג, דער קאָלאָסאַלער פּאַראַד פון וואָרט און קלאַנג, שפּיל און טאַנץ. פון די ווייטסטע ווינקעלעך פון דעם ריזיקן סאָוועטן־לאַנד, פון אַלערליי פעכן, אינדוסטריען, נאַציאָנאַליטעטן, זיינען די שלאָגלער און בויער פון דעם ערשטן פינף יאָר פּלאַן געקומען צום פּאַראַד פון זייער אייגענער פרייער פּראָלעטאַרישער שאַפונג, אין דער סאָוועטישער הויפּט־שטאָט פון זייער סאָציאַליסטישן היימלאַנד.

דער סעקרעטאַר פון די סאָוועטישע טרייד יוניאָנס (שווערניק) באַ־גריסט:

— דאָ זיינע אַרויסגעטראָטן ניט קיין פּראָפעסיאָנאַלן, נאָר אַרבעטער,

װעלכע זײַנען אוממיטלבאַר פֿאַרבונדן מיט דער פּראָדוקציע פֿון לאַנד. דערין איז די גאַראַנטיע פֿאַר זײַערע װײַטערדיקע דערפֿאָלגן. די זעלבסט־טעטיקע קונסט טאָר ניט איבערײַסן די פֿאַרבינדונגען מיט׳ן װאַרשטאַט. זי װעט זיך נאָך מער צעבליִען, װען זי װעט זיך דורכדרינגען מיט די אַל־געמײנע אױפֿגאַבן פֿון לאַנד. צו דער אַרבעט, חברים. צו דער רעװיזיע פֿון די דערפֿאָלגן, װאָס דער פּראָלעטאַריאַט האָט שױן דערגרײכט אױף דעם געביט. זאָל לעבן די ערשטע אַלפֿאַרבאַנדישע אָלימפּיאַדע פֿון דער זעלבסטטעטיקער קונסט!

עס באַגריסט אַ פֿאָרשטײער פֿון דער רױטער אַרמײ, װעלכער װערט אױפֿגענומען מיט אַ גװאַלדיקער אָװאַציע.

עס באַגריסן די פּראָפֿעסיאָנעלע טעאַטערס: אַקטיאָרן אין די קאָס־טיומען פֿון זײַערע באַרימטע בינע־העלדן.

די גאַנצע צײַט װאַרפֿן מעכטיקע פּראָזשעקטאָרן (שײַן־װאַרפֿער) ליכט־עפֿעקטן. פֿײַערװערק װערן אַרױסגעשאָסן אין די װאונדערלעכסטע, בלענ־דענדיקסטע ליכט, קאָליר און אַפֿילו װערטער־קאָמבינאַציעס.

דער פֿאַראײניקטער אָרקעסטער שפּילט דעם מאַרש פֿון „טאַנהױזער״. דערנאָך טרעט אַרױס דער פֿאַראײניקטער כאָר. ער זינגט דעם כאָר פֿון דער אָפּערע „פֿידעליאָ״. נאָדעם טרעט װידער אַרױס דער אָרקעסטער. און שפּעטער דער כאָר. דערנאָך דער אָרקעסטער מיט׳ן כאָר. און װידער באַזונדער. און װידער צוזאַמען. און צום סוף דער אַפּאָטעאָז —

אַלע צוזאַמען אין האַנס הײזלער׳ס אָראַטאָריע „קאָמינטערן״. דער עולם זינגט מיט. די װערטער פֿון ליד װיקלען זיך אַראָפּ פֿון אַ גרױסן פּלאַקאַט, װי עס איז געװען דער פֿאַל מיט אַ צאָל אַנדערע לידער, אַרײַנגערעכנט אַ ליד צו דער מוזיק פֿון אַמעריקאַנער קאָמפּאָזיטאָר אַדאַמיאַן:

און װי קאָן מען ניט זינגען נאָכדעם װי דער כאָר האָט דערמאָנט די צושױער דעם הױפּט־לאָזונג פֿון דער אָלימפּיאַדע, װאָס איז געװען פֿאַר־קערפּערט אין דער פֿאָלגנדיקער סטראָפֿע פֿון װלאַדימיר מאַיאַקאָװסקי:

אױך לידער, געזאַנגען זײַנען באָמבעס און פֿאָנען. אױך דער קול פֿון דעם זינגער הײבט אױף דעם קלאַס.	И песня, и стих— это бомба и знамя. И голос певца поднимает класс.

די אונטערשטע שורה:

הײַנע און פּרץ האָבן זיך אומזיסט געשראָקן און געצװײפֿלט.

אַ מיידל פון גראָדנע

דער, וואָס איז אין טאָל געלעגן —
בויט די צוקונפט אויף די בערג!
(„קאַווקאַז", איציק פעפער.)

יורזדיקע איז אין מיין געבורט־שטאָט גראָדנע געווען דער סאַמע אָרעמסטער קווארטאַל. די גראָדנער לאַנדסלייט וועלן אייך דערציילן, אַז יורזדיקע איז געווען נאָך אָרעמער פון פּאָדאָל, וואו איך אַליין האָב זיך דערצויגן, צי פון פערשטאָט, טשאַרטקעס געסל, סומאַשעדשע געסל און פון אַלע אַנדערע „סומאַשעדשע" געסלעך... יורזדיקע איז געווען אין גראָדנע, וואָס כאַנאַיקעס אין ביאַליסטאָק, סלאָבאָדקע אין קאָוונע, באַלוט אין לאָדזש, סמאָטשע אין װאַרשע, נאָווע־קראַסנע אין מינסק, א. אז. וו. א. אז. וו.

די סאַמע אָרעמסטע פאַמיליע אין יורזדיקע איז געווען באַיאַרסקי — קבצנים בני קבצנים, ניט אין זיבן פּאָלעס, נאָר אין זיבן און זיבעציג פּאָלעס. אין דעם „פּראָלעטאַרישן" קווארטאַל האָבן זיך, נאַטירליך, געמערט און געפּרוכפּערט אַלע „פּראָלעטאַרישע קראַנקהייטן", שווינדזיכטיגע, פּאַרקרי־פּעלטע, איינגעהויקערטע מענטשן. אָבער דעם סאַמע גרעסטן הויקער פון דער סאַמע אָרעמסטער פאַמיליע פון דער סאַמע אָרעמסטער וואוין־געגנט אין גראָדנע האָט געהאַט גאָלדע.

* * *

גראָדנע איז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה פאַרנומען געוואָרן פון פּילסודסקי'ס פּוילן. גאָלדע איז דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר צען. נאָך אין דעם עלטער האָט זי שוועער געאַרבעט, זיך געלערנט שניידעריי. און אין עלטער פון 14־15 יאָר האָט זי שוין נאָך שווערער געאַרבעט פאַר דער אונ־טערערדישער באַוועגונג.

גאָלדע איז ניט געגאַנגען אין קיין „שקאָלעס", אפילו דעם נאָמען ניט געקענט אונטערשרייבן. זי האָט אָבער געקענט זייער קלוג און געשיקט פּאַרטיילן פּראָקלאַמאַציעס און טאָן אַנדערע ריזיקאַלישע אַרבעט. אַ סך חברים אירע האָט מען געכאַפּט. זיי האָבן לאַנגע יאָרן געפוילט און פאַר־פייניגט געוואָרן אין דער טרויעריג־באַרימטער גראָדנער טורמע, ווי אין אַנדערע תפיסות. אָבער אַ דאַנק איר אומגעוויינלעכער ענערגיע און חכמה, האָט גאָלדע, ניט געקוקט אויף דער גרויסער געפאַר און ניט געקוקט אויף איר פיזישן מום, עטלעכע יאָר דורכגעפירט וויכטיגע אויפגאַבן אָן איין „פּראָוואַל" (דורכפאַל).

אַ פּראָוואָקאַטאָר האָט סוף־כל־סוף גע'מסר'ט, זי אַרויסגעגעבן. דער

„דעפענסיווע" (פּוילישער פּאָליטישער געהיים־פּאָליציי) איז אָבער ניט געלונגען זי צו פּאַקן און פאַרשפּאַרן. די פּאַרטיי האָט זי באַצייטנס אַרי־בערגעפּעקלט אויף יענער זייט גרענעץ, אויף דער סאָוועטישער.

* * *

אין מינסק האָב איך אין יאָר 1932 דאָס ערשטע מאָל דערזען גאָלדע'ן אין מיין שוועסטער'ס צימער. ער איז געווען אַ מין צענטראַלער טרעף־פּונקט פון דער אָרטיגער גראָדנער קאָלאָניע. גאָלדע האָט געהאַט לאַנגע סאַ־מעט־שוואַרצע האָר, אַן אַליוון־מאַטע הויט, אויגן גרויסע, ברוין־צעפלאַמטע. מיט איין וואָרט, אַ פּנים, וואָס האָט ממש פאַר'כשוף'ט. איר קלינגענדיגער געלעכטער, קוועקזילבערדיגע זשוואַוועקייט, האַפערדיגקייט, לעבנסלוסטיג־קייט האָט אייך היגנעריסן, אַנגעשטעקט און אָנגעצונדן. איר שאַרפער, קלאָרער מוח, ראַפינירטער געשמאַק און גרונטאַוונע אינטעליגענץ האָט אייך פאַרוואונדערט, פריטשמעליעט און איבעראַשט.

אָבער נאָכמער איבעראַשט בין איך געוואָרן, ווען איך האָב אויסגע־פונען, אַז גאָלדע — דאָס מיידל מיט דעם סאַמע גרעסטן הויקער פון דער סאַמע איינגעהויקערטער פאַמיליע פון דער סאַמע איינגעהויקערטער וואוין־געגנט אין גראָדנע — איז אַ רעדאַקטאָרשע פון דעם צענטראַלן אָרגאַן פון דער ווייסרוסישער רעגירונג „זוויאַזדאַ" (שטערן). דאָס איז געווען די גרעסטע טעגלעכע צייטונג אין דער ווייסרוסישער שפּראַך.

גאָלדע איז געווען רעדאַקטאָר פון דעם וויכטיגסטן אָפּטייל אין דער צייטונג, דעם אינדוסטריעלן. ער האָט אַרומגעכאַפּט די פאַבריקן און אונ־טערנעמונגען פון גאַנץ ווייסרוסלאַנד. אַ סך אַרויספאָר־בריגאַדעס פון שרייבער פלעגן אונטער איר אָנפירונג אונטערזוכן און אויספאָרשן אויף אָן אָרט די פאַבריקן און אונטערנעמונגען און דערנאָך באַשרייבן זייערע מעלות און חסרונות. זי אַליין האָט געמוזט זיין אַ גוטער שרייבער, זשור־נאַליסט און קענער פון דער ווייסרוסישער, ווי פון דער רוסישער און אידי־שער שפּראַך און ליטעראַטור. געמוזט זיין אַ גוטער מאַרקסיסט, שטאַרק אַנטוויקלט פּאָליטיש. און אויף דעם אמת האָט מען אפילו געמוזט זיין אויסגעצייכנט באַהאַוונט אין אָן אַ שיעור מאַשינען, אין די אינדוסטריעלע פּראָצעסן.

* * *

— גאָלדעלע, — האָב איך זי אַמאָל געפרעגט (דאָס האָב איך זי אַזוי צערטלדיג גערופן, כדי זיך אָפּרעכענען פאַר איר רופן מיך אישיעלע), — ביי וועמען האָסטו זיך געלערנט ווייסרוסיש?

— ביי דער רעוואָלוציע, אישיעלע, — האָט זי תיכף וואָוויליונגעריש מיר געענטפערט, און באַלד צוגעגעבן: — ביי די ווייסרוסן, פאַרשטייט זיך. און רוסיש ביי די רוסן און אידיש ביי די אידן. ביי דער רעוואָלוציע, טייערינקער, קאָן מען זיך אַלץ אויסלערנען. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד קאָנען זיך אַלע אויסלערנען, אפילו גאָלדע די האָרבאַטע פון יורזדיקע, — האָט זי שוין געענדיגט אין אָן ערנסטן טאָן.

אָבער מיינט ניט, אַז די לעצטע ווערטער אירע זיינען געזאָגט געוואָרן מיט ביטערקייט. גאָלדע האָט, אויף וויפל מיר איז באַוואוסט, זיך קיינמאָל ניט געפילט נידערגעשלאָגן, אַראָפּגעפאַלן ביי זיך צוליב איר פיזישן מום.

מיט איר הויכער אינטעליגענץ האָט זי בייגעקומען אַלע שפּלות־קאָמפּלעקסן. און אַז דער געשפּרעך פּלעגט אַמאָל אַרויפקומען אויף דער טעמע, פּלעגט זי שפּאַסן:

— דאַנקען גאָט, וואָס מיין האַרב איז בלויז אַ פיזישע ירושה, אַ מין זכר־לחורבן, אַ זכר ליורוזדיקע. שלעכט איז, וואָס אַ סך מענטשן האָבן הויקערס און זיי ווייסן ניט דערפון. ניט נאָר זיי אַליין, נאָר אָפט זעען דאָס ניט אויך אַנדערע מענטשן. און אַז מ'ווייס ניט און מ'זעט ניט קאָנען זיי זיך שוין דערפון קיינמאָל ניט באַפרייען.

*   *   *

גאָלדע איז געווען גערעכט, אַז ביי דער רעוואָלוציע האָט זי זיך אַלץ אויסגעלערנט. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט זי אָנגעהויבן אַרבעטן אויף דער מינסקער ניי־פאַבריק „אָקטיאַבר". דאָרטן האָט מען צוערשט „ליקווידירט" איר בעזגראַמאָטנעקייט. איר דורשט נאָך וויסן האָט שוין זינט דעמאָלט גאָרניט געקענט געשטילט ווערן. זי האָט אויסגענוצט יעדע פרייע מינוט פאַר זעלבסט־בילדונג. האָט שנעל געצויגן די אויפמערקזאַמקייט מיט אירע קאָרעספּאָנדענצן צו דער ווייסרוסישער „זוויאַזדאַ", צו דער אידישער אָקטיאַבר" און דער רוסישער „ראַבאָטשי בעלאָרוסי". זי איז ווי ניי־געבויערן געוואָרן אין דעם רעוואָלוציע־לאַנד.

די פאַבריק האָט גאָלדע'ן שפּעטער געשיקט לערנען אין העכערע פּאַרטיישולן. זי האָט אַנטדעקט אין זיך אַלץ מער פיאיגקייטן, סיי אַלס שריפטשטעלערן, סיי אַלס אָרגאַניזאַטאָרן, אין טעאָריע ווי אין פּראַקטיק, און געשטיגן אַלץ העכער און נאָך העכער ביז די פּאַרטיי האָט זי אינגאַנצן צוגענומען פון דער ניי־מאַשין און אַוועקגעשטעלט אויף דעם וויכטיגן און פאַראַנטוואָרטלעכן אַמט אין דער „זוויאַזדאַ" (שטערן).

*   *   *

גאָלדע איז אַוועקגעפאָרן קיין בירא־בידזשאַן. נאָך אין 1932 האָט זי פאַר מיר אויסגעדריקט דעם פאַרלאַנג צו טאָן מער דירעקט־אידישע אַרבעט. מען האָט זי ניט געוואָלט אָפּלאָזן פון דער „זוויאַזדאַ". ס'איז ניט געווען לייכט צו קריגן אַ שטעל־פאַרטרעטער.

אָבער אין אַ דריי־פיר יאָר אַרום איז איר וואונטש דערפילט געוואָרן. די גאָלדע, וועגן וועלכער מיר האָבן אייך דערציילט, איז געוואָרן אַ מיט־רעדאַקטאָר פון „בירא־בידזשאַנער שטערן" און פון דער „בירא־בידזשאַנסקאַיאַ זוויעזדאַ". און גאָלדע'ס „שטערן" האָבן ניט ווייניגער העל געשיינט אין בירא־בידזשאַן, ווי אין מינסק...

*   *   *

אָפט האָב איך געטראַכט: וואָס וואָלט געוואָרן פון גאָלדע'ן — דאָס מיידל, וועלכע האָט געהאַט דעם סאַמע גרעסטן האַרב פון דער סאַמע אָרעמסטער פאַמיליע פון דער סאַמע אָרעמסטער וואוין־געגנט אין גראָדנע — אונטער אַ פילסודסקי־רעזשים, און וואָס זי איז געוואָרן אונטער אַ סאָוועטישער אָרדנונג.

יאָ! „ביי דער רעוואָלוציע קאָן מען זיך אַלץ אויסלערנען. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד קאָנען זיך אַלע אויסלערנען, אפילו גאָלדע די האָרבאַטע פון יורוזדיקע..."

און ניט אומזיסט זינגט מען אין דעם „אינטערנאַציאָנאַל":

געוועזן נול — געוואָרן אַלץ!

אינהאַלט

זייט

קאַווקאַז — 3

פּראָלאָג — 5

קאַווקאַזער אידן — 12

דער טויט פון מאַגאַל — 21

גרוזינישער שיר השירים — 30

אָרדזשאָניקידזע — 40

„וואָיענאָ-גרוזינסקאַיאַ דאָראָגאַ" — 44

טיפליס — 51

דניעפּראָסטראָי פון קאַווקאַז — 56

באַטום — 59

דער באָטאַנישער גאָרטן — 62

די טשאַקוואַ טיי-פּלאַנטאַציעס — 65

דער בריליאַנט פון סאָוועטן-פאַרבאַנד — 68

עפּילאָג — 72

היינע און פרץ האָבן זיך אומזיסט געשראָקן און געצווייפלט — 75

אַ מיידל פון גראָדנע — 93

(די בילדער אויף די שער-בלעטער זיינען פון קאַווקאַזער בחורים און מיידלעך אין דעם פּעדזשנט (פּאַראַד) פון דער יוגנט אויפן מאָסקווער רויטן סקווער אין יאָר 1940)